יודען געדענקט! דער קאמף געגען רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד — דויערט

NAJER FOLKSBLAT
Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

פרייז 15 גראשען

1(צ)ן זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 24 | Łódź, Wtorek, 28 stycznia 1936 | אדרעס: לאדז, פעטריקאווער 21 טעל. 224-71 Adres: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. Skrz. poczt. 106. | לאדז, דינסטאג פ׳ בא ד׳ שבט תרצ״ו

געווארפען א פעטארדע

אין א יודיש פארצעליי= און גלאזווארג=געשעפט אויף פיעטריקאווער 33

אפיציעלער קאמוניקאט

לאדז. דעם 27 ד. ח. 18 מיט 50 א זייגער אין דעם סקלאד פון פארצעליי און גלאז פון ...ער׳ן, אויף פעטריקאווער 33 אונטערגע-...ען געווארען א פעטארדע, וועלכע האט ...לאדירענדיג צושעדיגט די וויסטאווע-...ען און די גלעזערנע מכשירים, וואס הא-...יך געפונען אין דער נאהענט. קיין אום-...פאלען מיט מענשען איז נישט געווען. די ...פארשונג איז אין גאנג.

* * *

...ס׳איז נאך נישט רעכט אדורך דער רושם ...ער געווארפענער פעטארדע אויפ׳ן שפייז־געש... אויף זאווישא 24, וואו עס זענען פערוואונ־... געווארען 3 מענשען, און שוין נעכטען, 7 ...אוענד — אויף דער בעוועגליכסטער טייל ...ער שטאט, אויף פעטריקאווער 33 — איז ...ר געווארפען געווארען א פעטארדע, אינ׳ם ...עליי־געשעפט פון שמואל ווינטער.

...טראץ דעם, וואס די פעטארדע איז געווארפען געווארען ארום 7 א זייגער אין אוונד, בעת דער גרעסטער בעוועגונג אין גאס, האט עס, צום גליק, קיינעם פון די דורכגייער, ווי די, וואס האבען זיך געפונען אין געוועלב נישט געשאדט.

פונ׳ם אויפרייס פון דער פעטארדע זענען די ווייטרינע־שויבען, ווי אויך די גאנצע „וויסטאווע״ און די איינגאנגס־טיר צושמעטערט געווארען אויף שטיקלעך.

חוץ מזה זענען טיילווייז בעשעדיגט געווארען פערשידענע פארצעליי, גלאזווארג און קרישטאל־מכשירים.

אין די שכנישע געוועלבער זענען די שויבען נישט בעשעדיגט געווארען.

אויפ׳ן ארט פון פארפאל איז אנגעקומען די אויספארשונגס־מאכט, און צווישען זיי דער קאמענ־דאנט פון דער וואיעוואדישער פאליציי, אינספעקטאר פעריווינסקי, דער לייטער פון אויספארשונגס־אמט פעטרי, פאליציי־קאמענדאנט, אינספעקטאר ניע־דזשעלסקי, דער שטאטישער סטאראסטע, ד״ר זוראנא און אפיצירען־פונקציאנארען פון דער אויספאר־שונגס־אפטיילונג, וועלכע האבען אונטערגענומען א גענויע אויספארשונג, בכדי פעסטצושטעלען וער עס זענען געווען די אנפאלער.

בעת דער געפיהרטער אויספארשונג, איז דער יאד־ און פוס־געהער־פערקעהר צווישען שרוד־מיעיסקע און לעגיאנען־גאס בעגרעניצט געווארען.

די אויספארשונג דויערט.

נפטר געווארען דער אמשינאווער רבי

אטוואצק, 27 (טעלעפאניש)

היינט איז דא אין עלטער פון 59 יאהר געשטארבען דער אמשינאווער רבי, ר׳ ירחמיאל אהרן יוסף קאליש זצ״ל.

דער געשטארבענער רבי האט געשטאמט פון תלמידי חכמים און זיינע מחותנים זענען געווען די רבי׳ס פון אסטראווצע, גער, און מאדזשיץ.

טויזענדער אמשינאווער חסידים זענען ארויס־געפאהרען צו דער לויה, וועלכע וועט וואהרשיינ־ליך פארקומען אין ווארשא. דער פערשטארבענער רבי וועט אודאי צו קבורה=קומען אין דעם אוהל פון זיין פאטער.

וועגען דער לויה פונ׳ם אמשינאווער רבי איז היינט א גאנצע טאג פארגעקומען א דין־תורה: די אמשינאווער חסידים האבען געפאדערט, מ׳זאל דעם רבי׳ן קובר זיין אין אמשינאוו, די אטוואצקער — אין אטוואצק, און די אמשינאווער, וואס וואוינען אין ווארשא — אז אין ווארשא. געזיגט האט די דעה פון די לעצטע. דעם נפטר וועט מען מארגען פריה (ד. ה. היינט) ארויספיהרען קיין ווארשא, און די לויה וועט פארקומען 2 א זייגער בייטאג.

טראגישער מארד און זעלבסטמארד

ביאליסטאק, 27 (טעלעפאניש)

אויף דער סטאנציע לאפי, ביי ביאליסטאק איז פארגעקומען א טראגישע געשיכטע אויף א ראמאנטישען באדען: דער ווארשאווער יונגערמאן אברהם הילזען האט דערשאסען זיין כלה חיה קאפלאן און דערנאך זיך אליין.

זיי זענען געווען חתן־כלה פון קינדווייז אן און א לאדע יאהר האט געזאלט פארקומען זייער חתונה.

דער חתן האט אבער פערלוירען זיין ארבייט און די כלה איז דעריבער אוועקגעפאהרען ארבייטען אלס שניידערין אין לאפי.

עהערנעכטען איז ער ארויסגעפאהרען צו איהר און אז ער האט זיך דערוואוסט, אז זי האט דארט געשריבען תנאים מיט אן אנדערען, האט ער גע־מאכט א סוף צו איהר און צו זיך..

9=טער אלפוילישער צוזאמענפאהר
פון „השומר הצעיר״

ווארשא, 27 (טעלעפאניש)

היינט פארנאכט האט זיך דא געעפענט דער 9־טער צוזאמענפאהר פונ׳ם „השומר הצעיר״ אין פוילען.

צום צוזאמענפאהר זענען געקומען אנ׳ערך 1000 דעלעגאטען.

פונ׳ם אפגעגעבענעם בעריכט פון די ערטער איז צו זעהן, אז אין קאנגרעס־פוילען געפינען זיך 25 טויזענד שומרים און שומרות און אין מזרח־און מערב־גאליציען — 12 טויזענד.

חוץ די אפגעגעבענע בעריכטען זענען אויך פארגעקומען א רייהע פייערליכקייטען.

דער צוזאמענפאהר קומט פאר אינ׳ם איינשטיין־זאל ביי דעם יודישען אקאדעמישען הויז. דער צוזאמענפאהר זאל דויערן א גאנצע וואך.

אויסטערלישער בלוטיגער פאל
בעת א קאמוניסטישען פראצעס אין ווילנע

ווילנע, 27 (טעלעפאניש)

היינט איז אין ווילנער קרייז־געריכט פארגע־קומען דער פראצעס פון ראיסא קאבלענץ און נאך 17 מאן, וועלכע ווערען בעשולדיגט אין געהערען צו דער מערב־ווייסרוסישער קאמוניסטישער פארטיי.

בעת׳ן פערהערען דעם בעשולדיגונגס־עדות יאקוב סטרעלטשוק, איז פון פובליקום ארויס צוגע־לאפען צו איהם א יונגערמאן, און ארויסכאפענדיג א רעוואלווער, 4 מאל אויסגעשאסען אויף איהם.

גלייך דערנאך האט זיך דער יונגערמאן געלאזט ענטלויפען. פאליציי האט איהם נאכגעיאגט. ענט־לויפענדיג האט דער יונגערמאן נאך צווי מאל אויס־געשאסען, טרעפענדיג איינעם פון עולם אין א פוס. פאליציי האט איהם דאן נאכגעשאסען און ער איז געפאלען א פערוואונדעטער. ער הייסט סערגיוש פריטיצקי.

סטרעלטשוק און פריטיצקי זענען אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל.

קאמוניסטישע ארמעי
האט פערנומען די הויפט־שטאט פון קוויי=טשו

קאנטאן, 27 (ספ. טעל.)

א 30־טויזענד־קעפיגע קאמוניסטישע ארמעי, וואס מארשירט פון דער פראווינץ הונאן אין דער ריכטונג צו דרום, האט פערנומען קוועי־יאנג, די הויפט־שטאט פון דער פראווינץ קוועי־טשו. מען ריכט זיך, אז א לאדע שעה זאל פערנומען ווערען די שטאט קיוע־טינג, וואס ליגט 50 קילאמעטער ווייט פון קיוע־יאנג.

אלע זעלנער, וואס געפינען זיך צו דיספאזיציע, זענען ארויסגעשיקט געווארען אויף דער קאמפס־ליניע, בכדי אפצושטעלען דעם מארש פון די קאמוניסטען.

בלוטיגע אומרוהען אין עגיפטען

קאירא, 27 (ספ. טעל.)

אין מאנסורא, דער הויפט־שטאט פון נידער־עגיפטען זענען היינט אויסגעבראכען אומרוהען. פאליציי האט געשאסען אין המון. עס זענען דא א סך פערוואונדעטע.

מען רעכענט, אז די ליקווידירונג פון דעם רעגירונגס־קריזיס וועט בערוהיגען די געמיטער אין לאנד.

דער רעגירונגס־קריזיס זאל זיך נאך היינט ענדיגען און דעם קאבינעט זאל בילדען אלי־מאהער

אונזער ווארט

עפענט די טויערן!

פון איין זייט בעהאנדעלט מען דעם ענין פער־יטעלט, אין זיידענע הענדשקעס, בכדי חלילה נישט דערצערנען דעם אכזר, די אויפגערעגט טעווטאנישע בעסטיע: דער ראט פון דער פעלקער ליגע נעהמט אפ דעם בעריכט פון דער פליטים־קאמיסיע, דער פארשטייער פון פראנקרייך דערקלערט דאס די האנד־לונג פון א „געוויסער מלוכה״ פערארזאכט די דאגות פון אנדערע מלוכות אין בעצוג צו די פליטים און דער פארשטייער פון רומעניען, מיניסטער טי־טולעסקו ווייזט אויף אז עס איז פאראן א געפאהר פון א נייער אויסוואנדערונגס־כוואליע, וועלכע די מעניען איז נישט ביכולת אויפצונעהמען...

פון דער צווייטער זייט פאדערט דער סענאטאר וויליאם קינג אינם אמעריקאנישען סענאט, אז דאס אימיגראציע געזעץ אין די פעראייניגטע שטאטען זאל געענדערט ווערען, און קיין אמעריקא זאלען אר־ייינגעלאזט ווערען די פליטים פון דייטשלאנד .

די לאגע אין דייטשלאנד — האט דער דאזיגער סענאטאר געזאגט — איז א צו שרעקליכע, מ׳זאל קאנען איגנארירען די פליטים!

ווי מיר זעהען, אלזא, האט מען אין אמעריקא דאך נישט קיין מורא (א, דער דיפלאמאטישער פחד פון דער פעלקער־ליגע, וועלכער איז שוין געווארען א שם דבר!) און מ׳רופט אן די געוויסע „מלוכה״ ביים נאמען —

עס איז שוין נישט דער ערשטער פאל, ווען די אזוי גערופענע פרייע אמעריקא פערגינט זיך אויף ארויסצוזאגען מיט געוויסען מענשליכקייט, הגם דער „שווארצער פלעק״ פון איהר איינענעם ווענט איז נאך דערוויל נישט אפגעווישט.

און די דאזיגע געוויסענס־זשעסטען, וואס זענען בלי שום ספק שיין און מענשליך, טרעפען אריין, — ווער ווייסט צי נישט בכיוון, — ווי א העפטיגער פאטש אין פנים פון אונזער אלטער „נאבעלער אייראפא״ מיט איהרע פרעטענזיעס אויף קולטור־ און ציוויליזאציע־בכורה.

אונזערע ביטערע יודישע לאגע אין די אייראפעאישע לענדער — מעג זי טויזענד מאל, ווי אזא אויסגעטייטשט ווערען דורך כל־ערליי מינים וויסענ־שאפטלער — איז דאך ממש וואונדערבאר!

ווארום מיט וואס, מיט וועלכע סיבות און תירוצים קאן מען הען דערקלערען אט די איבערנאטיר־ליכע שנאה צו אונז — צו א פאלק, וואס האט קיין שום מלוכה קיין שאדען נישט געבראכט.

די גייסטיגע און פיזישע יסורים אונזערע זענען ער אין לשער ואין לספר.

און — אדרבא, זאלען נאר געעפענט ווערען די טויערען פון אמעריקא, וועלען יודישע פליטים פון גאנץ אייראפא דערוויזען, ווי נוציליך און בריהריש זיי קאנען זיין!

ב.

טאג־טעגליך

די טרויער־מאניפעסטאציע

...י גאנצע וועלט־פרעסע איז נעכטען געווען פול ...פרטים וועגען די הכנות צו דער לויה פונם ...ישען קעניג דזשארדזש דעם פינפטען, וועלכע ...ס פאר היינט אין לאנדאן.

...אלע פאליטישע געשעהענישען האבען זיך, ווי ...ן אין דער זייט אפגערוקט, בעת עס איז היינטל־...ד, און — די אויסערגעוועהנליכע לויה־מאני־...סטאציע, אין וועלכער, מען רעכענט, אז עס זא־...יך אין איהר בעטייליגען העכער א מיליאן מענ־... — די 5 קעניגען, דער פרעזידענט פון פראנקר... די טראנספאלגער פון איטאליען, שוועדען און ...גלאנד נישט אריינגערעכנט!...

...אין משך פון די פערגאנגענע דריי טעג האבען ... פאר דער טרויער ארורכדעפילירט 568,000 ...שע בירגער, און די מענשען־כוואליע, וואס ... אין דער רייהע אויף אפצוגעבען דעם לעצטען ... דעם געשטארבענעם „מלך חסד״, דעם עכ־... און געטרייטען דזשענטלמען, דעם אויסנאהם ...די רעגירענדע פערזענליכקייטען אין אונזער ... — האלט נאך אין איין וואקסען.

...אין פערלויף פונם נעכטיגען טאג אליין האבען ...ן וועסטמינסטער־האל, פון 4 פארטאג ארורכ־...געגאנגען 300 טויזענד ענגלישע בירגער, די רייה, וועלכע עס האט פערנומען א שטח פון איבער ... קילאמעטער.

...און די 180 ספעציעלע צוגען האבען נעכטען גע... קיין לאנדאן ספאך און נאך מענשען....

...ווי געזאגט, וועט די־אמת׳ע טרויער־מאניפעסטא־... פארקומען ערשט היינט, בעת דאס ענגלישע ... וועט בעגלייטען זיין מאנארך אין דער איבי־... רוה אריין, און דער ווידער־קלאנג פון דעם ...ער־פאראד וועט אפהילכען אויף דער גאנצער ...

...און — דאך, ביי אלע צוגריטונגען, ביי די אונ־...זערע פאראד־הכנות, וועט די דאזיגע מאני־...פעסטאציע בלי שום ספק זיין אנ׳אויסנאהם פון אלע ...ליכע טרויער־מאניפעסטאציעס, וועלכע זענען ...זייער רוב פאלש, פאמפעז, קליקע־מעסיג, ביז צו ...מרשטע געשיכטליכע געשעהענישען אויפגע־...ען, דורך אזעלכע פאקטארען, פאר וועלכע דער ...ווינדעל״ אזוי צו זאגען לוינט זיך, ווייל דער מת ... איבער טרויפע ירושות פאר די איהעוויש־נא־...טע נאציאנאל־ היענעם און פאלקס־מארארערען.

...דאס מאל ווייזט עס אויס צו זיין אנ׳אויסנאהמס ... — אנ׳אמעם־צוג פון אויפריכטיגען טרויער ... דער אלוועלטליכער קייכעריי און פריכעריי פון ...ריות, אפערעם און צביעות!

מ.

15 מיליאן דאלאר איז נויטיג צו דער אקציע פאר די דייטשע יודען

פערשטענדיגונג פון דער סעמיועל־דעלעגאציע מיט ווארבורג'ן

ניו־יאָרק, 27 (יט"א טעלעגראַפיש)
ס'איז פֿערעפֿענטליכט געוואָרען אַן ערקלערונג פֿון וועלכער ס'איז צו זעהען, אַז עס איז געקומען צו אַ פֿערשטענדיגונג פֿון דער סעמיועל־דעלעגאַציע מיט וואַרבורג'ן וועגען דער אַקציע פֿאַר די דייטשע יודען. די דעלעגאַציע וועט ווייטער פֿיהרען קאָנפֿערענצען מיט יודישע פֿיהרער.

אין סט. לואי איז וועגען דער אַקציע פֿאָרגעקומען אַ גרויסע קאָנפֿערענץ, גערופֿען פֿון דער פֿעדעראַציע פֿון די פֿילאַנטראָפּישע געזעלשאַפֿטען. מיט אַ גרויסער רעדע איז אַרויסגעטרעטען פּראָפֿ. וואַרבורג, אין וועלכער ער האָט געזאָגט, אַז די ענגלישע און אַמעריקאַנישע יודען מוזען טראָגען די הויפּט־לאַסט פֿאַר דער אַקציע. צו בעזעצען 100 טויזענד דייטשע יודען אין אַנדערע לענדער, און ווייפֿיל ס'וועט מעגליך זיין — אין ארץ־ישראל.

הערבערט סעמיועל האָט גערעדט וועגען דער גרויסער ראָלע, וואָס א"י שפּילט מיט דעם בעזעצען 100 טויזענד דייטשע פּליטים אין ארץ־ישראל. צו דער אַקציע איז נויטיג אַ סומע פֿון 15 מיליאָן דאָלאַר. דערפֿון דאַרף 10 מיליאָן דאָלאַר געזאַמעלט ווערען אין אַמעריקא, און 5 מיליאָן — אין ענגלאַנד.

די אַקציע וועט אין קורצען פּראָקלאַמירט ווערען, וואַהרשיינליך אין וואַשינגטאָן. די הילף־אַקציע וועט בעשטעהען אין קרעדיטען וועלכע וועלען מיט דער צייט צוריקגעצאָהלט ווערען.

נאָך דעם, ווי ס'רעדען נאָך עטליכע רעדנער, איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע, וועלכע פֿאָדערט אויף די אַמעריקאַנער יודען צו זאַמלען וואָס מעהר געלד לטובת דער אַקציע.

„צי וועט דייטשלאנד ליידען פון די יודען־רדיפות?"

אנקעטע פון „דיילי עקספרעס" צווישן זיינע מיליאנען לעזער

לאָנדאָן, 27 (יט"א טעלעגראַפיש)
דער „דיילי עקספּרעס" האָט געמאַכט אַן אַנקעטע צווישען די לעזער מיט דער פֿראַגע: „צי וועט דייטשלאַנד ליידען צוליב די יודען־רדיפֿות?"

אויף דער אַנקעטע האָבען 76 פּראָצענט געענטפֿערט: „יאָ", 16 פּראָצענט — „ניין", 8 פּראָצענט האָבען געגעבען נישט קיין קלאָהרע תשובות.

ס'איז כדאי צו בעמערקען, אַז דער „דיילי עקספּרעס" האָט אַ מיליאָנען־טיראַזש.

אראבישע עקסטרעמיסטען ווארפען די שולד

פון די געשעהענישען אין סיריען אויף דער פעלקער-ליגע

ירושלים, 27 (יט"א טעלעגראַפֿיש)
אויף אַ קאָנפֿערענץ פֿון די אַראַבישע עקסטרעמיסטען אין שכם איז אָנגענומען געוואָרען אַ שאַרפֿע פּראָטעסט־רעזאָלוציע געגען דער ענגלישער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל, און געגען דער פֿראַנצויזישער פּאָליטיק אין סיריען.

די קאָנפֿערענץ האָט אַרויסגעשיקט דעפּעשען צו די אַראַבישע קעניגען און צו דער פֿעלקער־ליגע. די פֿעלקער־ליגע מאַכען די אַראַבער פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר די לעצטע געשעהענישען אין סיריען.

קאנפערענץ פון די אראבישע פארטייען

ירושלים, 27 (יט"א טעלעגראַפֿיש)
אויף קומענדיגען מיטוואָך רופֿען די אַראַבישע פּאַרטייען אַ קאָנפֿערענץ אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעהענישען אין סיריען.

דעם זעלבען טאָג וועט ביים הויך־קאָמיסאַר פֿאָרקומען א קאָנפֿערענץ מיט פֿאָרשטעהער פֿון אַראַבישע פּאַרטייען וועגען דער פּראָקלאַמירונג פֿון לעגיסלאַטיו־ראַט.

דער הויך־קאָמיסאַר האָט אויך אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפֿערענץ מיט אַ יודישער דעלעגאַציע מיט פּרעז. ווייצמאַן בראש. ס'איז בעהאַנדעלט געוואָרען די שטעלונג פֿון די יודען צום לעגיסלאַטיו־ראַט.

די טרויריגע לאגע פון די 16 מיליאן יודען

גרויסע רעדע פון שלום אש אין ווין

ויען, 27 (יט"א טעלעגראַפֿיש)
שלום אש האָט אין ביאַליק־קלוב געהאַלטען אַ גרויסע רעדע וועגען דער שווערער לאַגע פֿון די 16 מיליאָן יודען אין דער גאָרער וועלט. ער [illegible] זיך אַרויסגעזאָגט געגען דעם לעגיסלאַטיו־ראַט.

בעשלוסען פון 19-טען ציוניסטישען קאנגרעס אין בוך-פארם

ירושלים. (יט"א). אין קורצען וועלען ערשיינען אין בוך פֿאָרם די רעזאָלוציעס פֿון דעם 19טען ציוניסטישען קאָנגרעס אין לוצערן. ביי רעדאַגירען [illegible] העברעאישע איבערזעצונג פֿון די רעזאָלוציעס [illegible] די ציוניסטישע עקזעקוטיווע איינגעלאַדען בעקאַנ[illegible] שפּראַך־קענער.

געשטארבען אן אנגעזעהענער עסקן אין ניו-יארק

ניו־יאָרק, 27 (יט"א טעלעגראַפֿיש)
אין עלטער פֿון 65 יאָהר איז געשטאָרבען [illegible] בעקאַנטער עסקן סאַלאַמאָן לאַמפּאָרט.

Dr.
R. Zalcwasser
כירורג
צעגעלניאַנא 19, טעל. 125-17
נעהמט אָן פֿון 1—2 און פֿון 4—6.30.

קאמיטעט צו פייערן דעם 100-טען געבורטס-טאג פון מענדעלע מוכר ספרים
ביי דער געזעלשאפט פריינד פון „ייווא" איז לאדזש.
טעאטער „ראזמאיטאשטשי" ציגעל-גאס 27.

זונטאג, ד. 2 פעברואר ה. י. 10.30 פריה פינקטליך
א פייערליכע אקאדעמיע לכבוד דעם 100-טען געבורטס-טאג פון מענדעלע מוכר-ספרים
פּראָגראַם: רעפעראַט — דיכטער אלתר קאַציזנע (וואַרשע). רעציטאַציעס — דיכטער משה בראַדערזאָן, א. ברייזבלאַט א. א. „שיר־כאָר" — פאָלקס־לידער. יודישע טעאַטער־סטודיע — סצענעס פֿון „מסעות בנימין השלישי". אַנסאַמבל פֿון טעאַטער „ראַזמאַיטאַשטשי" — אויפֿטריטען. רעציטאַציעס — י. מ. מאַשקאַוויטש.
בילעטען־פֿאָרפֿערקויף צו בעקומען אין ייִוואָ־ביבליאָטעק זאַכאָדניאַ 52, ספּאָרט־קלוב „שטערן" פּיעטריקאָווער 61, האַנדוועלקער־פֿערבאַנד פּילסודסקיעגאָ 69, האַנדלס־אָנגעשטעלטע פּיעטריקאָווער 20 און אין טאָג פֿון דער אַקאַדעמיע ביי דער קאַסע פֿון טעאַטער „ראַזמאַיטאַשטשי". מיטגלידער פֿון פּראָפֿ. פֿעראייניגונגען און קולטור־אָרגאַניזאַציעס בעקומען בילעטען צו בעדייטענדיגע הנחות.

ענגליש, פראנצויזיש, דייטש און העברעאיש
לעקציעס, איבערזעצונגען, האַנדעלס־קאָרעספּאָנדענץ.
אַדרעס: Cegielniana 24, I p. tel. 261-36.
שפּרעכשטונדען פֿון 2—4 נאָכמ.

פאר גאלד, בריליאנטען ביזשוטעריע און לאמבארד-קוויטען
צאָהלט די העכסטע פּרייזען
אליזאר פיאלקא
פּיעטריקאָווער 7.

Dr. Wajnberg
ספּעציאַליסט פֿאַר לונגען־, האַוט־ און סקלעראָז קראַנקהייטען
פּיעטריקאָווער 145
טעל. 126-02.
נעמט אָן פֿון 9—10 פֿריה, 3—5, [illegible]

Dr. med. A. STILLER
אינערליכע קראַנקהייטען
נעהמט אָן פֿון 4—8
פּילסודסקיעגאָ 15
טעל. 206 75. פּראָנט, 2 [illegible]

ד"ר העלער
ספּעצ. פֿאַר הויט און וועניריש[illegible] קראַנקהייטען און מענער [illegible]
טראַוגוטאַ 8, טעל. [illegible]
נעהמט אָן פֿון 8—11 און פֿון 4—8 [illegible]
זונטאג פֿון 10—2 מיטאָג.
פֿאַר פֿרויען א ספּעציעלער וואַרט[illegible]

ביטשריפטען-ביורא
צו דער אַדמיניסטראַטיווער און געריכטליכער מאַכט
אינה.: ב. רזעשעווסקי
פּולנאַצנאַ 9.
טעטיג פֿון 9 פֿריה ביז 9 אָוונד.

Dr. med. D. ADELFANG
אינערליכע קראַנקהייטען
ספּעציאַליסט פֿאַר לונגען־קראַנקהייטען
נעהמט אָן פֿון 6.30—8.
PRZEJAZD 40, tel. 131-44.
אין דער לעטשניצע (פּיעטריק. 45)
פֿון 5.30—6.30 נ"מ
Leczenie odmą sztuczną.

Dr. med. G. GERSZTAJN
ספּעציאַליסט פֿאַר אויגען קראַנקהייטען
Traugutta 12, tel. 175-10
נעהמט אָן פֿון 11-2 און פֿון 5 ביז 8.30 אָוו.
אונבעמיטעלטע — לעטשניצע פּרייזען.

Dr. med. M. TAUBENHAUS
ספּעציאַליסט
פֿאַר אקושעריע און פֿרויען־ קראַנקהייטען
פֿערהיטונג געגען שוואַנגערשאַפֿט
זגערזשער 11, טעלעפֿאָן 246-09.
נעהמט אָן פֿון 4—8 אָוונד.

Dr. med. A. Banasz
כירורג - אוראָלאָג
Wólczańska 23, tel. 139-88
האָט בעניייט די אויפֿנאַהמען.
נעהמט אָן פֿון 4—6 נאָכמיטאָג.

Dr. med. Leon Familier
אינערליכע און קינדער - קראַנקהייטען
שערפּליעז 37 (בעגעדיקטאַ)
נעהמט אָן פֿון 5—7 נאָכמ.

אכטונג! זאקען-פאבריקאנטען!
דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט די ג. קונדשאַפֿט, אַז די בעקאַנטע
FARBIARNIA
I. L. SZAJNFARBER
Łódź, Północna 24, tel. 216-47
(dzierz. I. GANCARSKI)
איז צוריק גענומען געוואָרען אין בעטריב און געפֿינט זיך אונטער דער ביזאיצטיגער פֿאַכמענישער ליטונג און עמפּפֿעהלט זיך דער ג' קונדשאַפֿט.
סאָלידע און שנעלע בעדינונג. מיט אכטונג
I. L. SZAJNFARBER
Łódź, Północna 24, tel. 216-47.

דערמיט טייל איך מיט, דאָס איך האָב געעפֿענט אויף פּאָלודניאָוואַ 9 אַ הורט־געשעפֿט פֿון זאַמטל. עלעקטרישע און ראדיא-ארטיקלען
ווי אויך אַלע פֿירמאָווע זשאַרובקעס צו די ביליגסטע פּרייזען.
יעקב בראָך, פּאָלודניאָוואַ 9, טעל. 169-30.

געדענקט, שטשעשליווי ביי
אַ גרויסער אויסוואַהל פֿון
אָריגינעלע ביליצער און טאָמאַשאָווער סחורות
אויף אנציגער און פאלטענס
פֿון די בעסטע קוואַליטעטען ווי אויך פֿערשידענע רעשטען
מיט 30% ביליגער
קומט און איבערצייגט אייך!
R. Szczęśliwy
לאָדז, 5 נאַוואָמיעסקאַ 5
טעל. 156-09.
געדענקט פּראָנט II שטאָק.

אוירען, נאז און האלז קליניק
מיט בעטען פֿון Dr. Z. Rakowski
פּיעטריקאָווער 67. טעל. 127-81
נעהמט אָן שטענדיגע קראַנקע (צוועקס אָפּעראַציע א. אז. וו. ווי אויך אַמבולאַטאָרישע פֿון 9—2 און פֿון 4—8 אָוונט.

לעזט און פערשפרייט דעם נייעם פאלקסבלאט

Dr. med. Niewiaźski
ספּעציאַליסט פֿאַר טריפּער, סיפֿילים און הויט - קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פֿון מענער - שוואַכע
אַנדזשעיאַ 5, טעל. 159-40
פֿראָנט, 1טער שטאָק
נעהמט אָן פֿון 8—11 און פֿון 5—9 אָוונט
זונטאג און יום טוב פֿון 9—1 נאָכמיטאָג.
ספּעציעלער וואַרטע - זאַל פֿאַר פֿרויען

Dr. med. Z. DATYNER
אוראָלאָג
ספּעצ. פֿאַר נירען בלאָז און אורין־קראַנק.
ZACHODNIA 59a, tel. 148-95
נעמט אָן פֿון 9—11 און פֿון 6—8 אָוונט.

לעטשניצע
פֿון דאָקטוירים־ ספּעציאַליסטען
11 בושעזשינער 11
טעלעפֿאָן 137-63
עס נעהמען אָן פֿאָלגענדע דאָקטוירים:
דר. קויפֿמאַן, דר. לאַנדקאָפֿ,
דר. דינעזאָן, דר. רויטער
דר. שפּירא, דר. שמערלאַווסקי,
דר. י. איציקזאָן, דר. סטופּאַי,
דר. שמירגעלד (נערווען קראַנקה.)
און דענטיסטין סטאַראָפּאָלסקאַ
וויזיטען אין שטאָט
אַלע אַרט מעדיצינישע הילף.
קאַבינעט פֿאַר פֿיזיקאַלישער טעראַפּיע
אַ וויזיט 3 זל.

Dr. I. SILBERSTROM
Kilińskiego 127
ספּעציאַל־אַרצט פֿאַר הויט, ווענערישע און געשלעכטס־קראַנקהייטען
קוואַרץ־לאַמפּ, — ראַדיקאַלע בעזייטיגונג פֿון איבריגע האָר.
נעהמט אָן פֿון 4—8 אָוונד.

Dr. med. W. ŻADZIEWICZ
ספּעציאַליסט פֿאַר אוירען, נאָז, האַלז און קעהלקאָפּ־קראַנקהייטען
Piotrkowska 154, tel. 125-26.
נעמט אָן פֿון 5—8 אָוונד.

...יינט — די לויה פון קעניג דזשאָרדזש ט...

...נדאָן, 27 (ספּ. טעל.)

...יינט זענען אָנגעקומען פיל פאָרשטעהער פון ... אויף די לויה־פייערליכקייטען. מיט א ספּע־ ... צוג איז געקומען דער קעניג פון דענעמאַרק, ...ישטין אינגריד, און דער יורש עצר פון דעם ...ישען מחותן מיט זיין ווייב. דערנאָך איז גע־ ... דער בעלגישער קעניג מיט'ן טראָנפאָלגער און ...ירשט פון לוקסעמבורג. דער פירשט אָלאַף, ...אָרוועגישער טראָנפאָלגער איז געקומען קיין ... פון ניו־קאַסל. דער פּרעזידענט פון דער ...וויישער רעפּובליק, לעברען איז אָנגעקומען ... דער בעגלייטונג פונם מיניסטער פּיעטרי, די ...אַלען גאַמעלען און הענען און דעם אַמבאַסאַ־ ... פון פראַנקרייך אין ענגלאַנד. דעם פראַנצויזי־ ... פּרעזידענט האָט בעגריסט אויפ'ן וואָקזאַל דער ...אָרק־יאָרק. דער לאָנדאָנער עולם איז מקבל ... די אָנגעקומענע געסט שווייגענדיג, מיט ענט־ ...טע קעפּ.

...ערלין, 27 (ספּ. טעל.)

...ם דייטשע אינפאָרמאַציע־ביוראָ איז מודיע, ... דער איינלאַדונג פון בריטישען לעגיאָן אָנ־ ...נעהמען אין דער לויה, וועט אין איהר אָנ־ ...נעהמען דער אָנפיהרער פון די געוועזענע דייטשע ...טאַנגטען, אָבערלייטנאַנט.

...נדאָן, 27 (ספּ. טעל.)

... קעניגין אַלמנה, מערי האָט היינט צוזאַמען ... מיטגלידער פון דער קעניגליכער משפחה ...געבען כבוד דעם טויטען קערפּער פונם קעניג ...דזש אין וועסטמינסטערהאַל אויף 10 מינוט ... דער זייטיגער עולם אַרויסגעשטעפּט גע... ... פונם קלויסטער.

...נדאָן, 27 (ספּ. טעל.)

... ספּעציעלער שליח פונם פּוילישען מלוכה־ ...דענט, דער גענ. קאַזשימיערזש סאָסנקאָווסקי, ...זעט ביטאָג, באַלד נאָכ'ן אָנקומען קיין לאָנ־ ... אָוועק אין בעקענהעם־פּאַלאַץ, וואו ער האָט זיך ...שריבען אין קאָנדאָלענץ־בוך. ביטאָג איז ער ... מיט'ן געוועזענעם אַמבאַסאַדאָר סקירמונט, ... אַדמיראַל אונרוג, פּאָלק. טשאַסקאַ־דורסקי, ...גראָר סאָלסקי און קאַפּ. מישעלעוויטש אוועק ... וועסטמינסטער־האַל, כדי אָפּצוגעבען כבוד דעם ... קערפּער פון קעניג.

...היינט ביינאַכט וועלען זיי זיין אויף דער פּריוואַ־ ... אויפנאַהמע ביים קעניג עדוואַרד דעם 8־טען ... די אָנגעקומענע געסט.

...וואַרשאַ, 27 (טעלעפאָניש)

...אויף מאָרגען, האַלב 11 אין אָוונד פּראָ־

יעקטירט דאָס פּוילישע ראַדיאָ אַ מאָנטאַזש־אוי־ דיציע פון פילמען וועגען דעם פערלויף פון די לויה־פייערונגען. די דאָזיגע אוידיציע וועט אָנגע־ געבען ווערען, אויב עס וועלען נישט פאָרקומען קיין טעכנישע שוועריגקייטען.

קאָנדאָלענץ פון די סאַלאָניקער יודען

צוליב דעם טויט פון ענגלישען קעניג דזשאָרדזש דעם 5־טען

סאַלאָניקי (ים"א) דער רב הכולל דר. קאָרעץ, דער פאָרזיצער פון דער סאַלאָניקער קהלה קאָטעניאָ ווי אויך א דעלעגאַציע פון דער גריכי־ שער פעדעראַציע האָבען בעזוכט דעם ענגלישען קאָנסול אין סאַלאָניקי און האָבען איהם איבער־ געגעבען אויסדרוקען פון טרויער פון דער סאַלאָ־ ניקער יודישער בעפעלקערונג צוליב דעם טויט פון ענגלישען קעניג דזשאָרדזש דעם 5־טען.

אויף די אַביסינישע פראָנטען

וואַרשאַ, 27 (טעלעפאָניש)

לויט איטאַליענישע אָפיציעלע קאָמוניקאַטען פון דער פּראָווינץ טעמביען האָט דאָרט דאָס איטאַליע־ נישע מיליטער היינט אָפּגעריינט דאָס טעריטאָריום פון אַביסינישע אָפּטיילונגען.

לויט ידיעות פון ענגלישע קוועלען דויערט אויפן שטח פון מאַקאַלע א לעבהאַפטע אַקציע פון די איי־ טאַליענישע לופטפליהער. דער קאַמף דאָרט איז פער עטדיגט. ביידע אַרמעען האָבען געהאַט אַזעלכע פערלוסטען, אַז זיי מוזען זיך איבערגרופּירען, און דעריבער דאַרף מען זיך נישט ריכטען אין דער נאָ־ הענטסטער צייט אויף אָפּעראַציעס אין דער דאָזיגער געגענד.

אויפ'ן דרום־פראָנט האָט די אַרמעע פונ'ם גענ. גראַציאַני — לויט איטאַליענישע רעלאַציעס, — ווידער אָפּגעהאַלטען אַ נצחון, פערנעהמענדיג די געגענד מאַלקאַ־מורי.

לויט די זעלבע קוועלען האָט דאָס מיליטער ופון ראַס־דעסטאַ אין די אָפּעראַציעס, וואָס האָ־ בען זיך פערענדיגט מיט'ן פערנעהמען נעגעלי — פערלוירען בסך הכל 10,000 מאַן.

אַביסינישע קוועלען פון אַדיס־אַבעבאַ גיבען אָן, אַז די הויפּט־קרעפטען פון ראַס־דעסטאַ האָבען זיך בכלל נישט בעטייליגט אין די שלאַכטען.

17 אינטערפּעלאַציעס

אין פראַנצויזישען פּאַרלאַמענט

פּאַריז, 27 (ספּ. טעל.)

אויף דער דאָנערשטאָגדיגער זיצונג פון פּאַר־ לאַמענט זענען לעת עתה אָנגעמאָלדען געוואָרען 17 אינטערפּעלאַציעס.

די דעבאַטען וועלען וואַהרשיינליך געדויערען 2 טעג — דאָנערשטאָג און פרייטאָג.

אָפּמאַך צווישען איראַק און העדזשאַס

ידיעה פון מופטי־אָרגאַן

ירושלים, 27 (יט"א טעלעגראַפיש)

דער מופטי־אָרגאַן פערעפענטליכט אַ ידיעה, אַז ס'איז אונטערגעשריבען געוואָרען אַ פערשטענדי־ גונגס־אָפּמאַך צווישען איראַק און העדזשאַס. אין דעם אָפּמאַך זאָל זיך געפינען אַ פונקט, אַז ביידע רעגירונגען פערפליכטען זיך אָנצונעמען שריט צו

בעוועגען די ענגלישע רעגירונג, צו לעזען דעם ארץ־ישראל־פּראָבלעם אין הסכם מיט די הבטחות וואָס ענגלאַנד האָט געגעבען די אַראַבער.

הויך־קאָמיסאַר פון דער פעלקער־ליגע

צוריק אין דאַנציג

דאַנציג, 27 (טעלעפאָניש)

היינט בייטאָג האָט זיך צוריקגעקעהרט קיין דאַנציג דער הויך־קאָמיסאַר פון דער פעלקער־ליגע לעסטער.

פערבאָטען די קאָנצערטען

פון יוסף שמידט און חיה'לע גראַבער אין בערלין

בערלין (יט"א) די קאָנצערטען פון די בעקאַנטע יוד. קינסטלער יוסף שמידט און חיה'לע גראַבער, וועלכע האָבען געזאָלט פאָרקומען אין בערלין אונטער דעם פּראָטעקטאָראַט פון דעם יוד. קולטור־בונד זענען פלוצים פערבאָטען געוואָרען דורך דער מאַכט.

דאָס לעבען אין וואַרשא

(טעלעפאָנישע ידיעות פון דער הויפּט־שטאָט)

שטריק פון ביורא פערזאָנאַל אין דער ,,אגודה".

אין צענטראַל־ביוראָ ביי דער אגודה'שער אָר־ גאַניזאַציע אויף שון. יערסקא איז נעכטען אויסגע־ בראָכען אַנ'איטאַליענישער שטרייק פון פערסאָנאַל.

אָנפאַל אויף א רב.

אין קאַרטשעוו זענען עטליכע כוליגאַנעס בעי־ פאַלען דעם אָטוואָצקער רב זיימאַן, וועלכען זיי האָבען בעוואָרפען מיט שטיינער. צום גליק איז דעם רב גאָרנישט געשעהען. צוריק אַהיים קיין אָטוואָצק איז דער רב אָפּגעפיהרט געוואָרען דורך פּאָליציאַנ־ טען. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאָזיגען אָנפאַל האָט די פּאָליציי אַרעסטירט 5 פערזאָן.

אַ פעטאַרדע אויף אַ באַל.

עהרנעכטען אינדערפריה האָט מען אין יו־ דישען אַקאַדעמישען הויז אין פּראַגא, וואו ס'איז פאָרגעקומען אַ באַל, געפינען אַ פעטאַרדע, וועלכע האָט צום גליק נישט אויפגעריסען. פּאָליציי פיהרט אַנ'אויספאָרשונג.

פּראָצעס פון אַנאַרכיסטען.

דעם 12 פעברואַר הויבט זיך אָן אין וואַרשאַ א גרויסער פּאָליטישער פּראָצעס, פון אַנ'אַנאַרכיס־ טישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז ענטדעקט געוואָ־ רען הינטער וואַרשא.

בעשולדיגט אין דעם פּראָצעס זענען 17 פערזאָן מיט ישראל שטערן און יאַן טאָמאַשיק בראש, צווי־ שען די בעשולדיגטע געפינען זיך 7 פרויען. די בעשולדיגטע געפינען זיך אויף דער פריי אויף קויציע.

קלאַנג - פילם אין יודיש. פון לעבען פון די קינדער אין מעדעם - סאַנאַ־ טאָריע.

זייט אַ לענגערע צייט ווערט שוין געגרייט אַ קלאַנג־פילם פון לעבען פון די קינדער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריום. איצט איז שוין דער פילם פערענדיגט און וועט גאָר אינגיכען דעמאָנסטרירט ווערען אין איינעם פון די וואַרשאָווער קינאָ'ס. אין פילם נעהמען אָנטייל איבער 200 קינדער פון פער־ שידענעם עלטער. מען זעהט די קינדער אין זייערע ענגע פינסטערע היימען, אויף די ברוקירטע הויפען, אויף די שמאָלע געסלעך, אויף לעקציעס אין דער יודיש־וועלטליכער שול און שפּעטער אין מעדעם־ סאַנאַטאָריע, וואו פרייליכע, מונטערע בעטייליגען זיי זיך אין דער פּערזענלעכער אַרבייט פון אַנשטאַלט.

עס זענען אויך פילמירט (די אַזוי גוט־בעקאַנטע קינדער - פערזוילוגען אין מעדעם - סאַנאַטאָריע. פאַר'ן צושויער געהען דורך זעהר בעגאַבטע פאָלקס־ און אַרבייטער־קינדער. דער פילם האָט צוליב זיין כאַראַקטער אַרויסגערופען גרויס אויפמערקזאַמקייט אין דער פילם־וועלט.

א"י און דער נאָהענטער מזרח".

עס איז ערשינען דער נומער 1 (41) פון וירטשאַפטליכען צייטשריפט ,,א"י און דער נאָהענ־ טער מזרח", אָרגאַן פון דער פּויליש־א"י'דיגער האַנדעלס־קאַמער, מיט א רייכען אינפאָרמאַטיווען אינהאַלט און פאָלגענדע אַרטיקלען: די בעדייטונג און ראָל פון מזרח־ירייד אין תל־אביב פאַר דער ווירטשאַפטליכער עקספּאַנסיע פון פּוילען — ל. לעוויטע, די ענטוויקלונג פון דער א"י'דיגער ווירט־ שאַפט אין יאָהר 1935 — פ. וואַסערמאַן, דאָס עלעק־ טריפיקאַציאָנס־יוערק פון רוטענבערג — א. מ. יושליצקי, דער אָנטייל פון יודישער און אַראַבישער אַרבייט אין די א"י'דיגע ציטרוס־פּלאַנטאַציעס, די אינדוסטריאַליזירונג פון טערקיי. פּרעסע־איבערזיכט — פ. י. פון די צוגעשיקטע אויסגאַבען — א. מ.

די סטאַבילע אָבטיילונגען נעהמען אַרום קאָ־ מוניקאַטען פון דער פּויליש־א"י'דיגער האַנדעלס־ קאַמער, אַ רייכע כראָניק וועגען א"י, עבר־הירדן, סיריען, עגיפּטען ,איראַק, טערקיי, איראַן, ציפּער און העדזשאַס, צאָל־און טראַנספּאָרט־ענינים, ווי אויך סטאַטיסטיק פון האַנדעל פון פּוילען מיט די לענדער פון נאָהענטען מזרח, אויסערן־האַנדעל פון א"י, פּרייזען־בעוועגונג. (יט"א)

פערחתמעט די זעצעריי

פון די לינקע פּועלי ציון אין וואַרשא

וואַרשא, 27 (טעלעפאָניש)

נאָך דער עקסמיסיע פונ'ם אַרבייטער־היים פון די לינקע פּועלי ציון איז אויך פערחתמעט געוואָרען די זעצעריי פון די לינקע פּועלי ציון אויף נאָוואָליפּקי 21, וואָס איז געווען פערשריבען אַלס אייגענטום פון יעקב קענער.

אין דער זעצעריי איז געקומען אַ סאַניטאַר־ קאָמיסיע, וועלכע האָט איינגעפינען, אַז די זעצעריי געפינט זיך נישט אין אָרדנונג.

די פייערליכקייטען צום אָנקומען פונ'ם הרב הראשי קיין תל־אביב

(פון אונזער ספּעציעלען ארץ־ישראל־קאָרעספּאָנדענט דוד שמיד)

א גרויסער יום טוב איז געווען פאַר דעם יודי־ שוב בכלל, ובפרט פאַר די אָרטאָדאָקסען אין ...אביב, דאָס אָנקומען פון רעם, אין ווינטער ניי־ ...געוועהלטען תל־אביבער רב, ר' משה אביגדור ...אל, וועלכער איז דער נאָכפאָלגער פון דעם רב ...ר' שלמה הכהן אהרנסון, ס'זענען געמאַכט ...געווען גרויסע הכנות צום קבלת פנים, און ס'איז ...אויסגעאַרבייט געוואָרען א פּראָגראַם לויט וועלכען ...סדר היום איז איינגעהאַלטען געוואָרען פּינקטליך ...אין אָרדנונג, דער רב' קומענדיג מיט דער באַהן ...אלעקסאַנדריע, איז אויסגעשטיגען אין אַרץ־ ...ישראל אין רחובות וואו דער צוג איז אָנגעקומען ...שבת, דאָנערשטאָג האַלב זיבען אינדערפריה. ...שוין אַ זייגער פיר פאַרטאָג האָבען אָנגעהויבען ...אָנקומען לאַנגע רייהען אויטאָמאָבילען, סיי פּריוואַטע ...טאַקסיבוסעס, און אַפילו אויטאָבוסען. הונדער־ ...טער וואָגענס איבערפולט מיט טויזענדער מענשען. ...האָט די ענגלישע פּאָליציי וועלכע איז בכלל ...שטרענג, אַז ס'מוז איינגעהאַלטען ווערען די בע־ ...שטע צאָהל פּאַסאַזשירען אין די אויטאָס, צוגע־ ...טאָן אַנ'אויג, און נישט געקוקט דערויף, וואָס די ...אויטאָמאָבילן זענען איבערפולט), די אויטאָמאָבילען ...געווען פערצירט מיט בלוי־ווייסע פעהנער מיט ...אויפשריפט: ,,ברוך הבא", אזוי ווי דער צוג איז ...אָנגעפאָהרען אין דער רחובות'ער סטאַציע האָט ... עולם שטורמיש בעגריסט דעם חשובען גאַסט, ...דער איז געקומען אין בעגלייטונג פון זיין פרוי, ...דריי קינדער (צוויי זיהן און איין טאָכטער), מיט ... טוב", ,,ברוך הבא", ,,בשעה טובה ומצלחת", ...וו. די זכרי אחינו ,,בני עקיבא" האָבען איבער־ געשיקט א גרויסען קויש מיט ארץ ישראל פּירות. א דעלעגאַציע פרויען פון דער מושבה רחובות האָ־ בען איבערגעגעבען דער רביצין א ריזיגען בוקעט הערליכע בלומען.

אין רחובות ווערט געדאַווענט שחרית און נאָכן דאַווענען פאָהרט מען צו דער מועצה, וואו ביים טויער וואַרטען שוין טויזענטער מענשען און בעגריסען דעם גאַסט מיט א הויכען ,,הידד', און ,,ברוך הבא" אין דער קהלה ווערען געהאַלטען בעגריסונגס רעדעס און דערנאָך פאָהרט מען ווייטער קיין נס ציונה. אויפן וועג שטעהען אַראַבער, וועלכע וואוינען דאָרט אין א לאַנגען שפּאַליער און געבען אָפּ כבוד דעם הרב הראשי, האַלב ניין קומט מען קיין ראשון לציון דאָ ווערט געמאַכט א סטאַציע, און די מושבה בע־ גריסט דעם אַדורכרייזענדיגען גאַסט, דער רב פאָהרט צו צום בית הכנסת, אויף ביידע זייטען פונם וועג שטעהען קינדער פון דער ראשונ'ער שול מיט פעה־ נער אין די הענד, דער אימפּאָזאַנטער צוג זעצט זיך ווייטער אין בעוועגונג. אַזן האַלב צעהן בערך קומט מען אָן קיין מקוה ישראל. דערוויילן ווערען די אויטאָ קאָלאָנען וואָס טרעטער פון די צוגעקומענע אורחים פון תל אביב און פון ירושלים.

מען דערנעהנטערט זיך צו תל אביב.

דאָ וואַרטען שוין אָנהענטער און פרומע יודען, אָנגעטאָן אין יום טובדיגע בגדים און די בעגריסונגען און ,,היד"רופען ווערען התלהבותדיג. אַריינפאָהרענ־ דיג אין דער הערצל'גאַס, אין סאַמע ברען פון תל־ אביבער לעבען זינגען הויך די חסידים וואָס זיצען אין די אויטאָבוסען און יודען הויבען אָן טאַנצען אין גאַס לכבוד דעם בעזונדערס חשובען גאַסט. קינ־ דער פון ,מזרחי"־שולען, ,,הפועל המזרחי", און טוי־ זענדער צושויער שטעהען שפּאַליער, און האָבען אין די הענט בלוי־ווייסע פעהנדלעך, אויף וועלכע ס'איז געדרוקט ,,ברוך הבא". די קינדער פלאַנקירען פון ביידע זייטען די גאַסען : הרצל, אחד העם, יבנה, און די אויטאָס פאָהרען צווישען א ים בלוי־ווייסע פעהנער, די באַלקאָנען און די דעכער פון די הייזער זענען איבערפולט. א בילד, וועלכעס מען זעהט אין תל אביב בלויז פורים, אויפן וועג צו דער קהלה־ געביידע, אדורכפאָהרענדיג ביי דער גרויסער שוהל (עקע אלענבי—אחד־העם) איז דער געזאַנג און דער בעגריסונגס שריי פון די חסידים, און אָנהענגער גע־ וואַלדיג.

אין גרויסען זאַל פון דער ועד הקהלה אויף דער וואַנד די בילדער פון הרב קוק און הרב אהרנסון זצ"ל ביים טיש זיצען. יושב ראש של ועד הקהלה סירקום, הרב עמיאל, הרב עוזיאל, ביהגערמייסטער מאיר די־ זענהאָף, חברי ועד הקהלה, דער פערטרעטער פון דער רעגירונג קצין אפּשטיין, דעלעגאַטען פון חבנות ירושלים. דער זאַל איז איבערפולט מיט דעלעגאַטען פון קהלות בארץ, תושבות, רבנים און ספּעציעל איינ־ געלאַדענע געסט, דער הרב הראשי ווערט בעגריסט מיט: ,,יהי בואו לברכה ולמזל טוב"!

ס'ווערען געהאַלטען רעדעס פון הרב עוזיאל, די־ זענהאָף און פיל אַנדערע, פאַר וועלכע הרב עמיאל דאַנקט און ענטפערט.

דאָס אָנקומען פון דעם ניי־געוועהלטען רב אין געווען א גרויסער יום טוב, און א גרויסע שמחה אין תל אביב.

תל־אביב, 17 יאַנואַר 1936.

Dr.
B. Robinzo...
אינערליכע קראַנקהייטען
האָט זיך איבערגעצויגען
...ף 10 פּאַמאַרסקאַ 10
פּאַרטער, 2טער שטאָק, טעל. 131-86.
נעהמט אָן פון 6 ביז 8 אין אָוונט.

Dr. med.
Aleksander FOKSZANSKI
כירורג
נעמט איצט אָן: אין דער לעטשניצע „POMOC",
...ימאַנאָווסקי 1 (רוג באַלוטער פּלאַץ) פון 11 - 1:
טעל. 101-29.
פּריוואַט־וואוינונג פּעטריקאַווער 101
פון 5—7 אָוונט. טעל. 210-76.
פאַר אַרבעטסלאָזע — הנחה.

ראַדיאָ־פּראָגראַם

דינסטאָג, ד. 28־טען יאַנואַר

6.34 גימנאַסטיק, 6.50 פּליטען, 7.20 ידיעות, 7.30 פּליטען, 7.55 אינפאָרמאַציעס, 8 אוידיציע פאַר שולען, 11.57 צייט־סיגנאַל, 12.03 ידיעות, 21.25 אוידיציע פאַר שולען, 12.30 קאָנצערט, 1.25 הויז־ווירטשאַפט, 1.30 פון אַרבייטס־מאַרק, 1.35 לידער, 3.12 לאַדזער בערזע, 3.15 עקספּאָרט, 3.20 וואַרשאַווער בערזע, 3.30 מוזיק, 4 פון פּ. ק. אָ., 4.15 לידער, 4.45 ,,גאַנץ פּוילען זינגט", 5 רעפּעראַט, 5.15 מוזיק, 6 קאַמעראַל־קאָנצערט, 6.45 פּליטען, 7.20 רעקלאַמע־קאָנצערט, 8.50 אָוונט־ידיעות, 10.30 רעפּעראַט, 10.45 ,,שוואַרצע פּאָעזיע", 11 ידיעות, קאָמוניקאַטען, 11.05 טאַנץ־מוזיק.

Dr. med.
Sadokierski
כירורג פון צייהן און יאַסלעס
Piotrkowska 164 tel. 114-20.

דייטשלאַנד פאַר'ן משפּט פון דער פעלקער-ליגע

דער ראַט פון דער פעלקער ליגע, ווי עס האָבן שוין מיטגעטיילט די לעצטע ידיעות האָט אָנגענומען א ריי בעשלוסען וועגען דעם פּראָבלעם פון די דייטשע פּליטים. אין א קאָרעספּאָנדענץ פון א אויסלענדישער צייטונג ווערען פערעפענטליכט אינטערעסאַנטע פּרטים וועגען די הינטערקוליסען פון די לעצטע ראַט-זיצונגען.

א טאָג איידער די זיצונג איז פאָרגעקומען האָבען די מיטגלידער פון ראַט בעקומען דעם טעקסט פון בריף וואָס איז אַדרעסירט פון הויך-קאָמיסאַר פאַר פּליטים ענינים מאַקדאָנאַלד, צום גענעראַל סעקרעטאַר פון דער ליגע, אין דאָזיגען בריף גיט דורשעם מאַקדאָנאַלד, ווי בעוואוסט אָן די סיבות וואָס האָבען איהם בעוואוינען צו רעמיסיאָנירען, צום בריף איז צוגעגעבען א מעמאָראַנדום וואָס ענטהאַלט א אַנאַליז פון די מיטלען וואָס די היטלער רעגירונג האָט אָנגענומען געגען די „נישט-אַריער" און די פאָלגען פון די דאָזיגע מיטלען.

סיי דער בריף פון הויך-קאָמיסאַר וואָס איז געהאַלטען אין א פולשטענדיג טרוקענעם טאָן און אויך דאָס מעמאָראַנדום וואָס איז ספּעציעל געהאַלטען אין קורצע אָביעקטיווע זאַצען — זענען די שרעקליכסטע האַקוזאַציעס וואָס די מיטגלידער פון ראַט האָבען אַמאָל אין זייער לעבען געלייענט. זיי דערמאָהנען אין די פינסטערסטע פּלעצער פון די יודישע פערפאָלגונגען אין מיטעלאַלטער מיט דעם אונטערשיד וואָס אין מיטעלאַלטער ווי אויך אין רוסלאַנד אין די 90-גער יאָהרען און שפּעטער זענען יודישע פּאָגראָמען געווען א ספּאָראַדישע געשעהעניש. עס האָט זיך אַריבערגעטראָגען א כוואַליע פון פּאָגראָמען און מערדערייען, און דאַן איז ווידער געוואָרען שטיל און די יודען זענען צוריק אַריין אין זייער געטאָ. עס זענען אויך געווען ערשייכונגען פון מאַסען גירושים פון יודען — פון פראַנקרייך און ענגלאַנד און ענדליך פון שפּאַניען. אָבער אַפילו דער גרויזאַמסטער און מערדערישסטער גירוש פון די יודען ווי דאָס איז געווען גירוש ספרד איז נישט געווען בעקאַנט פון אַזעלכע דערנידעריגונגען און נישט פון דער קאָנפיסקאַציע פון גאַנצען פערמעגען. אין מיטעלאַלטער האָבען זיך די יודען געקאָנט ראַטעווען פון פערפאָלגונגען דורך שמד פון רעליגיעזען און מאָראַלישען שטאַנדפּונקט איז אַזאַ אויסוועג, נאַטירליך נישט געווען קיין ליבענסווירדיגער אַקט אָבער פּאַקטיש האָבען זיך געוויסע גרופּען יודען געראַטעוועט אויף אַזאַ אופן.

אָבער קיין איין רעגירונג אין מיטעלאַלטער און אויך נישט אין דער נייער צייט האָט זיך נישט דערטראַכט צו אַזעלכע ראַפינירטע מיטלען מיטן ציל צו פערניכטען נישט נאָר מאָראַליש און פּאָליטיש נאָר אויך פיזיש, הונדערטער טויזענדער מענשען, ווי דאָס האָט אויסגעטראַכט און סיסטעמאַטיזירט די היטלער רעגירונג אין צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, הונדערט יאָהר נאָך דעם ווי די דייטשע יודען האָבען זיך עמאַנסיפּירט.

אין זיין בריף ווייזט מאַקדאָנאַלד אָן אַז איבער א האַלבען מיליאָן מענשען זענען פערמשפּט פערניכטעט צו ווערען נאָר דערפאַר וואָס זיי זענען נישט פון „גאָרדישער אָפּשטאַמונג", לויט דער היטלעריסטישער טערמינאָלאָגיע. די דאָזיגע נפשות האָבען נישט קיין שום מעגליכקייט אויסצומיידען זייער טרויעריגען גורל, ווייל דער פאַקט פון נישט אַרישער אָפּשטאַמונג קען נישט געענדערט ווערען און קען נישט אויפהערען צו ווירקען. און מאַקדאָנאַלד ווייזט אָן אַז די פראַגע פון דעם דאָזיגען האַלבען מיליאָן מענשען און זייער רעטונג איז נישט א פילאַנטראָפּישע נאָר א פּאָליטישע, דעריבער מוז זיך די פעלקער ליגע מיט איהר פערנעהמען.

מאַקדאָנאַלד ווייזט אָן אין זיין בריף, אַז די יודען און די דייטשע נישט-אַריער וואָס זענען פערשלאָסען אין א יודידישען און סאָציאַלען „געטאָ" ווערט אַלץ שווערער נישט נאָר ווייטער צו פיהרען א ווירדיג מענשליך לעבען, נאָר עס ווערט זוי פּשוט אוממעגליך די ווייטערדיגע עקזיסטענץ. מען פערניכטעט זיי סיסטעמאַטיש אויב זיי האָבען זיך פערנומען מיט האַנדעל און אינדוסטריע אָדער מען שליסט פאַר זיי דעם צוטריט צו אַלע פּראָפעסיעס.

מאַקדאָנאַלד האַלט אַז דאָס איינציגע מיטעל צו ראַטעווען פון פערניכטונג די דייטשע יודען וואָלט געווען דאָס אָנווענדען לגבי זיי דעם פּרינציפּ פון א שטענדיגע מינדערהייט. פערשטעהענדיג אָבער אַז דאָס איז אוממעגליך ווייל דייטשלאַנד איז אַרויסגעטרעטען פון דער פעלקער ליגע פאָדערט מאַקדאָנאַלד אַז אַלע מיטגלידער פון דער פעלקער-ליגע זאָלען אָנגעהמען מיטלען — ווייל סוף-כל-סוף וועלען זיי דאָך מוזען זיך פערנעהמען מיט איינאָרדנען צעהנדליגער אויב נישט הונדערטער טויזענדער פּליטים — האָט דייטשלאַנד זאָל געבען עקזיסטענץ מעגליכקייט פאַר די יודען.

צום סוף פון בריף ענטשולדיגט זיך דער הויך-קאָמיסאַר וואָס ער האָט די פראַגע פון די דייטשע פּליטים אויפגעשטעלט אין אַזאַ שאַרפער פאָרם, נאָר „ווען די רעזאָלוטען פון דער אינערליכער פּאָליטיק בעדראָהען מיט פערטרייבונג און פערניכטונג הונדערטער טויזענטער מענשליכע נפשות, דאַן קען נישט אָנגעווענדעט ווערען דיפּלאָמאַטישע קאָרעקטהייט וואָס מוז אָפּטרעטען דאָס אָרט דעם געפיהל פון עלעמענטאַרע מענשליכקייט.

דאָס מעמאָראַנדום וואָס איז צוגעלעגט געוואָרען צום בריף ענטהאַלט א אָביעקטיווען בעריכט פון דער נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישער געזעצגעבונג פאַר דער „נישט אַרישער" בעפעלקערונג. דאָרט געפינען זיך די דעקרעטען און געזעצען וועגען דעם אויסזוכען פון די נישט-אַרישע עלטער-באָבעס, וועגען פערבאָט פון נישט-אַריער צו פערנעהמען נישט נאָר א מלוכה'שען אָדער געזעלשאַפטליכען פּאָסטען, נאָר צו פערנעהמען זיך מיט וואָס עס איז ליבעראַלער פּראָפעסיע א.אַ.וו. און דאָך געהען א ריי מיטלען מיט'ן ציל צו בעזייטיגען די „נישט אַריער" פון האַנדעל און אינדוסטריע און זיי צו רואינירען. זעהר אינטערעסאַנט איז דאָס קאַפּיטעל פון מעמאָראַנדום אין וועלכען עס רעדט זיך וועגען דער ברייטער אינטערפּרעטאַציע דורך די געריכטען, די געזעצען און דעקרעטען וועגען די „נישט-אַריער". עס איז שווער-שרייבט דער קאָרעספּאָנדענט — אָהן אויפרעגונג און ענטריסטונג צו לייענען די דאָזיגע אינטערפּרעטאַציעס, וואָס זענען געווענדעט נאָך אויסצופּרייטערען די אַזוי שוין אויך גענוג באַרבאַרישע און ווילדע געזעצען".

און אויפגעלייגט שוין א „נישט אַריער" זיך אַריבערצוציהען פון דייטשען „פאַטערלאַנד" פערלירט ער דייפּער 4 פּינפטעל פון זיין פערמעגען, וואָס עס נעהמט ביי איהם צו די היטלער רעגירונג.

מען מוז מודה זיין, אַז דער סעקרעטאַריאַט פון דער פעלקער ליגע האָט נישט געהאַט קיין גרויסען חשק זיך צו פערנעהמען מיט דעם דאָזיגען אומאָנגענעהמען און פּשיקרען פּראָבלעם. אין סעקרעטאַריאַט האָט מען נאָך נישט פערלוירען די האָפנונג ווידער צו זעהען דייטשלאַנד צווישען די מיטגלידער פון דער פעלקער-ליגע, הגם אַלע העכערע בעאַמטע פון סעקרעטאַריאַט זענען מענשען פון זעהר ליבעראַלע אַפילו ראַדיקאַלע אנשויאונגען, און צום פּאַשיזם און היטלעריזם בעציהען זיי זיך נעגאַטיוו, אָבער דער פּרינציפּ פון דער אוניווערסאַלקייט פון דער ליגע איז ביי זיי וויכטיגער ווי דאָס אומגליק פון עטליכע הונדערט טויזענד „נישט אַריער". מען האָט אָבער נישט געקענט אָפּ'פטרן דאָס פּראָבלעם פון די דייטשע פּליטים, צוליב דעם וואָס מיט זייער גורל אינטערעסירט זיך די ענגליש-אַמעריקאַנישע עפּענטליכע מיינונג, און מיט זיי רעכענט זיך דער סעקרעטאַריאַט פון דער פעלקער-ליגע זעהר שטאַרק. הי בער האָט מען פאַר די דייטשע פּליטים דאָך עפּעס אונטערנעהמען.

דער ראַט האָט ווי בעוואוסט זיך בעגנוגט מיט ווייניג זאָגענדע בעשלוסען, דער [...] צען ענין וועט אויפסניי בעטראַכט ווערען דורך דער פּלענאַר זיצונג פון דער פעלקער-בונד פּרעזידי[...] פון דער נאָהענסטער סעסיע. און דאַן וועט [...] געהערט ווערען מעהר דרייסטערע ווערטער, ווי [...] איז געווען דער פאַל אויף דער לעצטער ראַטזיצונג [...] בעת מען האָט קוים דערמאָהנט נאָר א „[...] מלוכה" וואָס מאַכט אָן דעם גאַנצען קלאַפּאָט [...] פּליטים.

אַנטיסעמיטישע אָפענסיווע אין אַנטווערפען

גרויסער טומעל אַרום דעם ערשטען אַנטיסעמיטישען מיטינג

מיט די אַנטיסעמיטישע פּאַרטייען אין בעלגיע איז פונקט אַזוי, ווי מיט מגפות אין מלחמה-צייט: איידער זיין מגפה ענדיגט זיך, הויבט זיך אָן די נייע. און מען ווייסט קיינמאָל נישט, מיט וועלכער קודם כל אָנצוהויבען דעם קאַמף, — פאַר וועלכער מעה"ר מורא צו האָבען.

נישט נאָר סתם-יודען, נאָר אַפילו יודישע כלל-טוער, וואָס פערנעמען זיך ספּעציעל מיט די ענינים, ווייסען נישט מעהר, וויפיל אַנטיסעמיטישע פּאַרטייעלעך עס זענען ביי אונז פאַרהאַן. אייגענטליך, האָבען מיר ביז מיט אַ צייט צוריק געוואוסט וועגען „נאָר" דריי-אָפיציעל-אַנטיסעמיטישע פּאַרטייען: די „דינאַסאָ", די „סטאָרמלאָאָפ"-גרופּע און די „רעאַליסאָ". אָבער זינט א קורצער צייט איז שוין געוואָרען אוממעגליך צו האַלטען רעכנונג: זיי וואַקסען ביי אונז, די אַנטעמעמיטישע פּאַרטייען, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגען. עס געהט כמעט נישט דורך אַ טאָג, אַז עפּעס אַן'עובר-בטל'ניק זאָל נישט אַ פּרוביר-טון צו גרינדען אַ פּאַרטיי „צו ראַטעווען דאָס לאַנד" פון יודישען איינפלוס. און פיל פון די „אַלטע" פאַשיסטישע גרופּקעלעך, וואָס ביז איצט זענען זיי געווען ווייט פון אַנטיסעמיטיזם — ווי זיי פלעגען זאָגען — פּרובען איצט זייער מזל דורך „אַ יועג צוריק" — צום אָפיציעלען אַנטיסעמיטיזם.

פון די פאַשיסטישע גרופּקעלעך ביי אונז, וואָס האָבען לעצטענס זיך בעזונדערס געלאָזט הערען, איז די וויכטיגסטע די „לעזשיאַשען נאַסיאָנאַל", אַ גרופּע, וואָס פלעגט אַמאָל ווערען לייקענען איהר אַנטיסעמיטיזם.

די „לעזשיאָן נאַסיאָנאַל" האָט נעמליך אלס

(ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענץ)

ערשטע אָנאָנסירט אַן'אויסגעשפּראָכען-אַנטיסעמיטישען מיטינג, וועלכער דאַרף פאָרקומען די טעג אין אַנטווערפען.

צום ערשטען מאָל ווערט אויך אַנטווערפען פאַר פּלייצט מיט פּלוג - צעטלען און פּלאַקאַטען געגען יודען, אין שייכות מיט אַן'אַנטיסעמיטישען מיטינג.

אָט. לייענט אָקאָרשט, אין וואָסער שפּראַך איין אויפרוף פון דער „לעזשיאָן" איז רעדאַגירט: „שטורם אויפ'ן יודענטום"!

שבת, קומט פאָר אין „נאַציאָנאַלען הויז" אַ גרויסער פאָלקס-מיטינג, אויף וועלכען דער פיהרער פּאָל האַרנאַרט און מ'פּעטערס וועלען רעדען וועגען „ישראל'ס פערניכטונג פון דער מערב'דיגער ציוויליזאַציע".

בירגער פון אַנטווערפען!

מיר ברעכען דעם יודישען אָנגריף אויף אַנטווערפען!"

* * *

פערשטעהט זיך, אַז אַזאַ מין פּראָפּאַגאַנדע האָט שטאַרק בעאומרוהיגט אַלע יודען אין אַנטווערפען. דערצו האָבען אייניגע „לעזשיאָן נאַסיאָנאַל"-פאַרשוינען היינטיגע וואָך געפּרובט אָנפאַלען אויף דעם לאָקאַל פון די רעכטע „פּועלי-ציון" — די אַנטווערפּענער „אַרבייטער-היים", — אַזוי אַז אין דעם יודישען אַנטווערפען הערשט אַ געוואַלדיגע צעטומלונג.

* * *

אגב, האָט דער פאָרזיצער פון דער אַנטווערפענער אָרגאַניזאַציע פון די רעכטע „פּועלי [...]" ה' ד"ר ז. פּרוזשאַנסקי, אינטערפּעלירט [...] דעם מצב די שטאָט-פערוואַלטונג פון אַנטווערפען, אָנפרעגענדיג זיך ביי דער געלעגענהייט [...] דער מיטינג פון דער „לעזשיאָן" וועט ערלויבט ווערען. ד"ר פּרוזשאַנסקי האָט אויף זיין אָנפרעג בעקומען פאָלגענדען ענטפער:

„עס איז. לעת עתה נישטאָ קיין שום [...] וועגען דער פראַגע. די שטאָט-פערוואַלטונג פון אַנטווערפען, מיט'ן בירגערמייסטער קאַמיל הויסמאַנס בראש, זוכט איצט אַ יורידישען פּרעטעקסט, צו פערווערען די דאָזיגע פערזאַמלונג. [...] קאַנט, קאָן דער בירגערמייסטער פערווערען [...] זאַמלונגען נאָר דאַן, ווען זיי זענען עלול צו [...] רען די עפענטליכע רוה: וואַרשיינליך וועט [...] אַזאַ הירוץ געפינען אויף פאַר „לעזשיאָן נאַסיאָנאַל", דאָס קאָן אָבער געשעהען אינ'ם לעצטען מאָמענט".

פערשטעהט זיך, אַז ד"ר פּרוזשאַנסקי ה[...] ביי דער געלעגענהייט אויסגעדריקט די שטימונג [...] וואָס די דאָזיגע אומפערשעמטע אַגיטאַציע פון [...] זשיאָן" האָט פאַראורזאַכט צווישען די אַנטווערפּענער יודען.

אויך פון אַנדערע קרייזען וואָס שטעהען [...] נאָהענט צום אַנטווערפענער בירגערמייסטער, גיט [...] איבער, אַז עס איז כמעט ווי זיכער, אַז דער מיטינג וועט פערבאָטען ווערען.

אויב נישט — קאָן דאָ זיין זעהר פרעהליך [...]

אַבסערווער.

מוסאָליני אינטריגירט געגען איטאַליענישען קרוינפּרינץ

אין א פּאַריזער וואָכענבלאַט איז פערעפענטליכט א אַרטיקעל אין וועלכען עס ווערט געשילדערט די „אַטמאָספערע" וואָס הערשט איצט אויפן איטאַליענישען הויף.

דער איינציגער מענש צו וועלכען מוסאָליני האָט צוטרוי איז זיין איידים גראַף טשיאַנאָ. ווי מ'שמועסט האָט גראַף טשיאַנאָ דאָס אַרויסגעפיהרט מוסאָליני'ן אויף זיין אומגליקליכע פּאָליטיק. די פאַמיליע פון גראַף טשיאַנאָ איז איינע פון די עלטסטע איטאַליענישע משפּחות. זי איז פערבונדען מיט די סאַפּרצעס, ד'עסטעס און מעדיטשעער. דאָס איז איינע פון די מיוחסות וואָס האָבען קיינמאָל נישט אָנערקענט די אייבערמאַכט פון דער סאַבאָאידער דינאַסטיע אין איטאַליען, און טאַקע א דאַנק דעם גראַף טשיאַנאָ הערשט א אַנטאַגאָניזם צווישען מוסאָליני'ן און איינציגע מיטגלידער פון דער קעניגליכער פאַמיליע. דער דאָזיגער אַנטאַגאָניזם איז אין א גרויסער מאָס פעראַנטוואָרטליך פאַר דער משוגענער אַביסינישער אוואַנטורע.

דער קעניג, שוין נישט קיין יונגער, וואָלט שוין לאַנג געוואָלט אַבדיקירען, ער גלויבט אָבער אויפריכטיג אַז זיין אַנוועזענהייט איז נאָך נוצליך פאַר זיין פאָלק. און אַז אַליין וואָלט געגאַנגען נאָך ערגער. ווען ער וואָלט אַראָפּ פון זיין פּאָסטען, מען דערצעהלט אַז א געוויסען טאָג האָט דער קרוינפּרינץ איהם געפרעגט פאַרוואָס ער שטעלט זיך קיינמאָל נישט אַקעגען מוסאָליני'ן און פאַרוואָס ער זאָגט אויף אַלעם „יאַ" וואָס דער „דוטשע" לעגט איהם פאָר. דער קעניג האָט געענטפערט: איך זאָג „ניין" איין מאָל און א צווייט מאָל און א דריט מאָל און צום „10" גיב איך נאָך, ווייל ער מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק דאָס ווען איך וואָלט זיך איינגעשפּאַרט וואָלט ער מיך פּשוט בעזייטיגט פון דער סצענע און מיר דוכט זיך אַז איך בין נאָך נויטיג און נוצליך פאַר איטאַליען'.

יעדענפאַלס האָט דער קרוינפּרינץ גאַנץ אַנדערע איבערצייגונגען. ער איז דרייסט, קלוג, אינטעליגענט און האָט אפשר א איבערטריבענע מיינונג וועגען זיין וויכטיגקייט, אויף דער דאָזיגער וועלט. די מעגליכקייט אַז ער וואָלט געקענט בעזייטיגט ווערען נעמט ער גאָרנישט אין אַכט. זיין שנאה צום דיקטאַטאָר איז גאַנץ אָפען, ער האָט קיינמאָל נישט בעהאַלטען אַז ער פעראַכטעט איהם און האָט אַפילו עפענטליך יערען געזאָגט אַז ער ליידט איהם נישט און אַז ער וועט איהם פערטרייבען ווי נאָר ער וועט ווערען קעניג פון איטאַליען.

ביי אַזאַ צושטאַנד טרעט אַרויס אויף דער סצענע דער גראַף טשיאַנאָ. זיין אַמביציע איז אומבעגרע ניצט, דאָס נישט אַזוי ווילד ווי מוסאָליני'ס, דאָס איז ער געקומען דער ערשטער אויפ'ן געדאַנק, אַז א זיגרייכע מלחמה וואָלט געווען נוציליך, אמת נישט פאַר'ן לאַנד, ווייל וועגען איטאַליען זאָרגט ער אַמווי ניגסטען, נאָר פאַר זיין שווער פאַר דעם גרויזאַמען „דוטשע" וועמענס רוהם ער טיילט אויך.

דאָס האָט ער געוואָרפען די לאָזונג: מען דאַרף נקמה נעהמען פאַר אַדואַ". מיט דער הילף פון א געשיקטער פּראָפּאַגאַנדע איז די דאָזיגע אידעע אָנגעוואָרפען געוואָרען די איטאַליענער אויף אַזאַ אופן אַז ער האָט דערגרייכט דעם ציל נאָך איידער ער האָט זיך בעוויזען אומצוקוקען. דאָס האָט ער איבערצייגט מוסאָליני'ן אַז א אַביסינישע מלחמה איז דאָס בעסטע מיטעל צו בעקומען אין איטאַליען אַזאַ שטאַרקע פּאָזיציע, וואָס אַפילו דער קעניג וועט לגבי איהם זיין הילפלאָז.

מוסאָליני'ס גאַנצע אַפריקאַנישע פּאָליטיק שטיצט זיך אויף דער לאַגע וואָס עס האָט געשאַפען זיין [...] דעם גראַף טשיאַנאָ. מוסאָליני האָט פערשטאַנען [...] ער מוז איבעריאָגען זיין קעניגליכען געגנער [...] וועלכען ער קאָן נישט פטור ווערען. ער בעמיה[...] דעריבער צו פערפעסטיגען און צו ענטוויקלען [...] פערזענליכע פּאָפּולאַריטעט אין איטאַליען. דאָס [...] דער איינציגער ציל צו וועלכען ער שטרעבט [...] א דאַנק דער פרעסע קאַמפּאַניע זעהט ער אויס [...] אויגען פון אַלע איטאַליענער אַלס דער איינציג[...] מענש וואָס קען אויפוועקען ביי זיי דעם רוהם [...] אַמאָליגען רוים און געבען איטאַליען א ר[...] רענדע שטעלונג אין דער וועלט. דאָס איז איינ[...] די הויפּט קאָרטען וואָס עס שפּילען אויס [...] חעטער, פריינד פון זיין איידעם וואָס שטאַמ[...] די אַלטע נעאַפּאָליטאַנישע און סיציליאַנישע [...] וואָס האָבען פיינט בתכלית השנאה די סאַבאָ[...] דינאַסטיע. זיי בעשיטען איהם מיט לויב ווערטער [...] אַזאַ שטופע, אַז סוף כל סוף וועט ער פאַלען [...] דעם לאַסט פון די דאָזיגע לויב-ווערטער נישט [...] שטעהענדיג אַז ער ווערט נאָר אויסגענוצט פאַר [...] ערע צילען.

צוליב דער דאָזיגער פערשוועררונג האָט [...] קרוינפּרינץ הומבערט, זיין פרוי און זייערע [...] באַלד פון אַנהויב אָן פעראורטיילט די אַזאַ [...] און וועלכער מוסאָליני האָט אַריינגעצויגען דאָס [...] צוליב רייז פערזענליכע פּניות, בכדי צו ווערען [...] שטערבליך. בכדי פטור צו ווערען פון קרוינפּרינץ [...] צו שטעלען אויף זיין אָרט א אַנדערען פּרינץ [...] דער סאַבאָאידער דינאַסטיע, דעם יונגען פּרינץ [...] אַאָסטראַ וועגען וועלכען ער ווייסט אַז זיין [...] איז איהם פולשטענדיג איבערגעגעבען.

דער קרוינפּרינץ ווייסט, אַז די אַביסינ[...] וואַנטורע — איז נישט אַזוי ליכט, ווי דאָס מיינ[...] בעפעלקערונג. ער איז איבערצייגט, אַז ווי [...] זיך נישט ענדיגען וועט עס זיין א קאַטאַסטראָ[...] און דערנידערונג פאַר איטאַליען, עס איז א[...] סאַנט אַז מוסאָליני ניט זיך וועגען דעם נישט קיין שום חשבון. דער דוטשע געפינט זיך [...] לאַגע אָהן אויסוועג. פון וועלכער עס קען [...] ראַטעווען נאָר א נצחון, נאָר אַפילו דאַן וועלען [...] די אייראָפּעאישע מלוכות נישט ערלויבען אי[...] ציצונעהמען גרויסע טיילען פון אַביסיניען. [...] האָט בעוואוינט דעם קרוינפּרינץ זיך צו האַלטען [...] דער זייט פון דער גאַנצער אוואַנטורע און [...] זיכער אַז ווען נאָך א מפלה אין אַפריקא וו[...] קעניג מעהר נישט קענען זיך האַלטען אויפ'ן [...] און וועט מוזען אַבדיקירען דאַן וועט דער [...] דער סאַבאָאידער דינאַסטיע זיין אָפהענגיג איי[...] ליך פון דער געשיקטקייט און טאַקט פון קרוינ[...] וועלכער וועט איבערנעהמען די מאַכט אין א [...] פערצווייפעלטער סיטואַציע.

סענסאַציאָנעלע אַראַבישע פּרעסע-מיטיילונגען

דעם הויך-קאָמיסאַר'ס פערהאַנדלונגען וועגען לעגיסלאַטיוו-ראַט

ירושלים. (יט"א). די אַראַבישע צייטונג פון דמשק „אַליף באַ" פערעפענטליכט נייע פּרטים וועגען דעם געשפּרעך וואָס דער הויך קאָמיסאַר האָט געהאַט מיט די אַראַבישע פיהרער מכוח דעם לעגיסלאַטיוו-ראַט און אויך מיט דעם עמיר אַבדולאַה. „אַליף באַ" דערצעהלט: „דער הויך קאָמיסאַר האָט געפּרובט בעאיינפלוסען די אַראַבישע פיהרער זיי זאָלען מסכים זיין צו דעם לעגיסלאַטיוו ראַט און האָט מיט זיי דיסקוטירט פערשידענע פּונקטען און זיינע פּאָרשלאָגען. אין דער דיסקוסיע האָט זיך אויך בעטייליגט דער עמיר. דער הויך-קאָמיסאַר האָט צוגעזאָגט: „דער איצטיגער צושטאַנד ערלויבט נישט ענגלאַנד צו געבען מעהר פון דעם, וואָס זי האָט געגעבען, אָבער איהר קענט זיין זיכער, אַז דער לעגיסלאַטיוו ראַט וועט צוגרייטען פאַר אייך דעם באָדען איהר זאָלט בעקומען מעהר רעכט אין דער צוקונפט, איהר וועט אויך בעקומען א נאַציאָנאַלע רעגירונג עס איז פאַר אייך כדאי איהר זאָלט נאָכפאָלגען דעם ביישפּיל פון די איראַקישע שטאַטסמענער".

די דאָזיגע ווערטער האָבען געמאַכט א גרויסען רושם אויף די אָנוועזענדע און די מעהרהייט איז גענייגט געווען תיכף מסכים צו זיין צו די פאָרשלאָגען פון הויך-קאָמיסאַר. אויף דעם עמירס מיינונג איז געווען אַז מען דאַרף געהען אין די דרכים פון איראַקער און שטופּענווייז לעזען דאָס א"י פּראָבלעם.

„אַליף באַ" גלויבט אַז איינציגע וועט אין א"י געגרינדעט ווערען א נאַציאָנאַלע אַראַבישע רעגירונג מיט דעם עמיר אַבדולאַה אין דער שפּיץ.

ער האט זיך געלאזט פערשפארן אין א משוגעים-הויז
איצט שילדערט ער ווי אזוי די משוגעים לעבען

וואס קומט פאר הינטער די ווענט פון א משו סהויז ווען קיין בעזוכער זענען דארט נישטא, די פאציענטען פערבלייבען מיט זיך אליין און די וועכטער, וועלכע דארפען אויף זיי אכטונג ען?

דער דורכשניטליכער מענש איז אונטער'ן איינ-ק, אז דער משוגעים-הויז איז א שרעקליכער ה, אז הינטער זיינע פערשלאסענע טירען קומען מעשים וואס קענען ערשט אראפפיהרען א מענ-ק פון זיין קלארען שכל. דער דורכשניטליכער ש מיינט, אז דער וואס פאלט אריין אין א געים אנשטאלט איז אנ'אייביג-פערלוירענער. לטען-זעלטען געלינגט א פאציענט ארויסגעהן פון ם אנ'אויסגעהיילטער.

אזוי גלויבט דער דורכשניטליכער מענש.

וויליאם סיברוק האט אנגעשריבען א בוך ווע- זיינע ערפאהרונגען אין א משוגעים-אנשטאלט ער איז געווען א פאציענט. דאס בוך, וואס ה, אגב ארויסגערופען אנ'אויסערגעוועהנליכען טערעס, דערצעהלט וועגען די גרויסע פארט-ריט וואס זענען פארגעקומען אויפ'ן געביט פון לען גייסטיג-קראנקע. האט א לייטער פון א גרוי- משוגעים הויז איינגעלאדען דעם פראפעסאר פון ה, אז ער זאל בעזוכען זיין משוגעים-הויז און שריי- וועגען איהם, סיברוק האט די איינלאדונג אנגענ-מען, אבער מיט איין בעדינג, דער בעדינג איז ען, אז ער זאל אריין אין דעם אנשטאלט אויף לענגערער צייט אלס פאציענט אונטער א פער-הלטען נאמען. קיינער טאר נישט וויסען ווער איז, ער דארף זיין איינער פון די חלואים.

„כ'האב פערלאזען א בארד", דערצעהלט ער, ך גוט אויסגעשוואנקט מיין מויל מיט שנאפס און ומען מאכען גוואלדען אין מיטען גאס. קורץ, אב געהאלטען אין איין שליידערן קללות און הן, אז כ'בין דער נביא יחזקאל. די דאקטוירים בען מיך באלד איבערגעגעבען אין די הענט פון שטארקע שומרים. איך האב זיך געלאזט רוהיג ען.

„די צוויי יונגען האבען זיך פערהאלטען צו מיר מליך. כ'האב געהערט ווי זיי רעדען צווישען און בעדויערען מיינע צוריסענע שיך. זיי האבען אויסגעטון נאקעט, אפגעוואשען מיך, אפגע-סטען מיך, זיי האבען מיך בעהאנדעלט אנשטענ-: אבער אזוי ווי מען בעהאנדעלט א פערד. זיי האבען מיך געוואשען, גערייניגט, מיר אנגעטון א סטע לייוועטענע נאכט-העמד. דאס העמד האט ריכט ביז צו די קני און האט זיך פערבונדען טען אויף מיין האלז ווי א קינדערשער פארטוכעל.

„איינער פון די באדינער האט איינגעבונדען ע קליידער, מייבע פאפירען, מיין מעסערעל, פעדער, אלע מיינע זאכען און איז אוועק. דער דער האט מיך אריינגעפיהרט אין צימער.

„ס'איז געווען ארום האלב נאך פיר נאכמיטאג, מעהרסטע פאציענטען זענען געווען דרויסען. ליז א טוץ צי צוויי זענען געזעסען אינעווייניג. אזוי גוט ווי די אנדערע חלואים, וועלכע זענען ה אנגעקומען, זענען געווען מענשען פון פער-דענע קלאסען. זיי האבען זיך געהאלטען היימיש, רמוטיג, אבער מיך האבען זיי בעטראכט אהן סימן פון פריינדליכקייט.

„ארום 5 א זייגער, נאכמיטאג — געבאקטע בלעך, טיי, ברויט מיט פוטער, געקאכטע עפעל האט מען אלעמען ארויסגעפיהרט דרויסען צו כערן. דאן איז מען צוריקגעקומען און עס איז הארען שטיל.

„דאן האב איך גענומען שפילען מיין ראל. האב גענומען געהן ארויף און אראפ צווישען בעטלעך. לאנגזאם, ריטמיש און גענומען מורמ- צערשט שטיל און דאן, ווען איך האב בעהערשט ס ריטם, אנגעהויבען רעדען מיט אלע כוחות:

„פערהאן כח, כח,
„וואונדערבארער כח,
„אין די בלוט — וויא! וויא! יעס!!
„אין די בלוט — יע-אי! וויא!"

„אין עטליכע מינוט צייט האט דער גאנצער מער אפגעקלונגען מיט מיין כח און בלוט, הערמאן דייטש איז צוגעקומען, האט זיך צוגעהערט א ווייל און איז דאן אוועק אין א ווינקעל און האט זיך עקגעזעצט מיט'ן פנים צו דער וואנט. ער איז געבליבען זיצען ביז צום סוף. אנדערע פאציענ ן האבען אויסגעדריקט רחמנות, פעראכטונג, אומ-פרידענהייט און האבען זיך אפגערוקט אזוי ווייט מעגליך. אבער א יונגער איז צוגעקומען, האט ך אוועקגעזעצט אויף א בעט אזוי ווי פער-ופיסאר.

„ווען די שוועסטער און דער שומר האבען מיך ט געקענט בערוהיגען, איז זי אוועק רופען די ארקע איך זאל נישט מאכען קיין פאגראם. דער-האב איך צונומען מיין בעט אויף שטיקלעך געמאכט א באריקאדע. דאן זענען געקומען די שטארקע. פארזיכטיג און אויסגערעכנט האבען מיך ארומגערינגעלט אזוי ווי מען רינגעלט ארום ווילדע חיה. זיי האבען זיך אויף מיר ארויפגע-צט און דאן מיך אויפגעהויבען. זיי האבען מיך ויסגעפיהרט און אריינגעזעצט צווישען די צוויי טארקסטע פון זיי אין אנ'אויטאמאביל.

„זיי זענען אפגעפאהרען אנ'ערך א דריטעל ל און מיך אריינגעפיהרט אין אנ'אפגעזונדערטער, רלאזענער פינסטערער געביידע.

„כדי צו זיין זיכער, אז זיי דעלען איהם געבען אס ס'קומט איהם, האט סיברוק נאך אביסעלע גע-ראוועט זיינע שטיס, דאן האבען זיי איהם ארויפ-פיהרט אויבען און אריינגעווארפען א נאקעטען ין א לייוונטענער וואנע זיי האבען איהם געהאלטען ן לעבליכע וואסער צוויי אדער דריי שעה. זיי בען איהם נישט געבונדען, נישט געשלאגען, זיי האבען נאר אכטונג געגעבען, אז ער זאל נישט ארויסקריכען פון דארט און אז ער זאל זיך נישט דערטרינקען, זיי האבען זיך געראכערט סיגארעט-לעך, און פון צייט-צו-צייט איהם געזוכט צו בערוהיגען.

ענדליך האבען זיי איהם ארויסגענומען. אפגעטריקענט און איהם אנגעטון א קורצע נאכט-העמד. זיי האבען איהם דורכגעפיהרט א לאנגען קארידאר און געעפענט א דעמבענע טיר, א קליין לעכעל בעדעקט מיט שטארקען גלאז איז געווען אין טיר. צוגעפעסטיגט אנ'אייזערנע בעטעל מיט א שווערען, גומענעם מאטראץ און קישען, געדעקט מיט ריינע, ווייסע ליילעכער און קאלדרעס. מעהר גארנישט. ער האט זיך אוועקגעלייגט; ס'איז געווען רוייק און שטיל און ער איז איינגעשלאפען.

אויף מארגען, ווען ער האט זיך אויפגעכאפט, איז געקומען א שומר און האט אויפגעשלאסען די טיר.

„איך האב זיך געהאלטען רוהיג און העפליך" — שרייבט סיברוק — „און ער האט געלאזט די טיר אפען. ער איז באלד צוריקגעקומען און געבראכט הויזען, שטעקשיך, א העמדעל און געזאגט, אז פריהשטיק וועט באלד זיין פארטיג.

„ער איז ווידער אוועק און געלאזט די טיר אנ'אפענע. די טירען פון אלע צימערן וואו עס האבען זיך געפונען א פאר צעהנדליג ווילדע, צו-רושעטע משוגעים, זענען געווען אפען. האב איך אנגעטון מיינע זאכען און בין אוועק אין א גרויסען קארידאר, אין וועלכען עס זענען געשטאנען שווערע, דעמבענע טישען, שטולען, בענקלעך, וויג-שטולען — אלע אזוי שווער און מאסיוו, אז איהר וואלט זיי נישט געקענט צוהאקען מיט א האק און אפילו א ריז וואלט זיי נישט געקענט אויפהויבען".

בכלל, דערצעהלט דער שרייבער, לאזט מען די ווילדסטע פאציענטען צורוה, מען טשעפעט זיי נישט סיידען זיי הויבען זיך אן ממית'ן. דאן מישען זיך אריין די שומרים און פערשליסען די ווילדסטע צוריק אין זייערע צעלען. מען בענוצט זיך יא אמאל מיט'ן „פעק", וואס בעשטעהט אין איינוויקלען דעם חולה אין נאסע ליילעכער, אבער בלויז אויף א פאר שעה.

בילעכווייס זענען די אנדערע פאציענטען אריין אין קארידאר מיט גוואלדען, טומל, געשרייען. זיי זענען אלע געווען אבסאלוט משוגע, אבער נישט פיינדליך, פיל האבען „דערקענט" דעם נייעם פאצ-יענט.

און דאן האט דער גלאק גענומען קלינגען און אלע האבען זיך אריינגעלאזט אין עס-צימער. דארט זענען די שטולען און טישען אויך געווען מאסיוו און שווער. אויף די נישט-געדעקטע טישען זענען גע-שטאנען טעלער מיט ברויט, שוין באשמירט מיט פוטער, א טעלער מיט פלוימען. יעדער איינער האט געהאט לעבען זיך א גאפעל מיט א לעפעל. קיין צוקער, קיין זאלץ, קיין פעפער. פיר שומרים מיט גרויסע בלעכענע טעפ האבען אויסגעטיילט קאפע.

„מיר האבען געגעסען, געקלאפט אין טיש, גע-גוואלדעוועט, אזוי ווי ווילדע חיות. מען האט יעדען איינעם געגעבען וויפיל ער האט נאר געוואלט. א גרויסער שוועד, וועלכער איז געזעסען לעבען מיר, האט זיך אויפגעהויבען און געוואלט אראפכאפען א שטיק ברויט פון אנ'אנדער טיש.

— „זעץ זיך"! — האט א קליין-געוואקסענער שומר מיט שפאקולען אויפ'ן נאז און א הייזעריגער שטימע אנגעשריען אויף איהם.

„יא? ! דו ביזט דא דער באלעבאס?" — האט דער שוועד זיך אפגערופען.

„אוודאי איך! זעץ זיך! שוויג!" — האט דער קליינער געענטפערט און איז צוגעקומען בעהנ-טער.

דער ריז האט זיך אפגעריקט א ברוגז'ער. — גרעסערער שומר איז צוגעקומען און האט מיט א שמייכעל בעמערקט צום שוועד:

„ווילסט איהם א זעץ טאן, דושאן?"

דער שוועד האט זיך אויך צושמייכעלט און געענטפערט:

„יא, איך וועל איהם אריינווארפען אין זודיגען קעסעל מיט'ן קאפ אראפ. גיב מיר נאך אביסעל קאפע".

ביי אנ'אנדער עק טיש האבען, דאכט זיך, די שומרים אליין געמאכט א טומל. איינער פון די פאציענטען, האט גענומען עסען פלוימען. הינטער איהם זענען געשטאנען צוויי שומרים. האט איינער פון זיי א שטוס געטון זיין קאפ און דער לעפעל איז אוועק פערביי דעם מויל, יענער האט זיך פערמאס-טען מיט'ן קולאק אויף איינעם פון זיי. גארנישט האט פאסירט.

ס'איז שווער צו ערקלערען — שרייבט סיברוק — די בעציהונג פון די שומרים צו די פאציענטען, זיי האבען זיך אויפגעפיהרט ווי אין א מין בורלעסק-פלאי. זיי האבען אפט געשטיפט מיט די פאציענטען און געזוכט מיט אלע מיטלען אריינצוברענגען וואס מעהר הומאר.

שפעטער האט א שומר, בעת ער האט ראזירט דעם „פאציענט", איהם געפרעגט: וואס איז דער מעהר מיט דיר?

„כ'וויים נישט, כ'בין קראנק".

„טראכט נישט וועגען דעם".

א יונגער, אנ'עפילעפטיקער, האט בעקומען אנ'אנפאל, זענען צו איהם צוגעלאפען פאציענטען, אבסאלוטע משוגעים און האבען איהם אפגעשפילט די קליידער כדי ער זאל זיך נישט דערשטיקען און נישט צושלאגען זיך. ניין, די ערגסטע משוגעים זענען נישט משוגע די גאנצע צייט. זייער משוגעת קומט מיט אנפאלען, כוואליעטווייז, זי קומט אן און געהט אפ.

שפעטער האט מען סיברוק'ען איבערגעפיהרט אין אנ'אנדער ארט. דא זענען די פאציענטען געווען ווייניגער ווילד, נישט אזוי געפעהרליך, אבער — זיי האבען געהאט ניין מאס רייד. דער טומל, דער געוואלד דא איז געווען אומבעשרייבליך. געווען מא-מענטען ווען ס'האט זיך איהם געדאכט, אז ער גע-פינט זיך אין א ביידעל פון גרויסע, נערוועזע הענט. מען האט געזונגען, גערעדט, געפייפט, געלאכט, גע-האוקעט, איינער האט געהאלטען רעדעס, אנ'אנדע-רער האט געזונגען קינדער-לידער.

דא איז איהם געווען פיל שווערער און נישט אזוי צוליב דעם טומל, נישט צוליב די געוואלדען, וואס האבען געריסען די אויערען, ווי צוליב די נודניקעס, וואס האבען איהם נישט אפגעלאזט. גע-ווען אזעלכע, וואס האבען גערעדט צו דער וואנט, צו „דער וועלט". געווען אבער אויך אזעלכע, וועל-כע האבען געמוזט האבען א צוהערער, און זיי זענען איהם דערגאנגען די יאהרען.

די אויסגראבונגען אין לכיש

פון זאב ווילנאי

— 1. —

במשך פון פיל יאהרען האט מען נישט געוואוסט דאס ריכטיגע ארט פון דער שטאט לכיש. די פארשער פלעגען זי אידענטיפיצירען מיט א חורבה אין דרום פון לאנד. נאר א דאנק די אויסגראבונגען, וועלכע זענען געמאכט געווארען אין תל-צואיד אין דער נאהענט פון בית-גיברון, האט מען געקאנט פעסט-שטעלען דעם ריכטיגען ארט פון לכיש.

נאך אין די צייטען פון איינגעהמען דאס לאנד דורך די יודישע שבטים איז לכיש געווען א פעסטונג-שטאט. די דאזיגע שטאט האט געהאט א גרויס חשי-בות אויך אין די ווייטערע מלחמות פון לאנד, צוליב דעם וואס זי איז געווען אויף איינעם פון די וועגען, וועלכע האבען געפיהרט פון יהודה קיין מצרים און אויך אויף דער גרעניץ פון פלישתים. צוליב דעם האט זי דער מלך רחבעם אין יאהר 925 פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג ארומגענומען מיט א מויער און בעפעסטיגט געגען אנפאלען.

אין די צייטען פון חזקיהו אין יאהר 701 פאר דער קריסטליכער צייט-רעכנונג, איז קיין ארץ ישראל געקומען אין דער שפיץ פון זיין מיליטער דער מלך פון אשור סנחריב און האט דאן איינגענומען די שטאט לכיש. דער דאזיגער נצחון האט דאן געהאט פאר דעם מלך פון אשור א גרויסען ווערט. ביים צו-ריקקעהרען אין זיין לאנד, האט ער בעפוילען זיינע קינסטלער אויסצוקריצען אויף שטיינערנע טאוולען די געשיכטע פון דער בעלאגערונג פון לכיש און איהר עראבערונג. די דאזיגע טאוולען זענען איינ-געמויערט געווארען אין די ווענד פון סנחריב'ס פאלאץ.

בשעת נינוה, אשור'ס הויפט-שטאט איז חרוב געווארען, איז אויך דעם מלך'ס פאלאץ פערשוואונ-דען פון דער ערד-פלאך. ערשט יאהר 1845-54 האט מען בשעת אויסגראבונגען אין שכנות פון דער שטאט מאסול אנגעטראפען אויף רעשטלעך פון סנחריב'ס פאלאץ צוזאמען מיט די דאזיגע שטיין-טאוולען. די טאוולען זענען איבערגעפיהרט געווארען אין בריטישען מוזעאום אין לאנדאן, וואו מען קאן זיי נאך זעהען היינטיגען טאג.

אויף דעם ערשטען טאוועל זעהען מיר רייהען פון אשור'ישען מיליטער, וועלכע מארשירען פארוויי צווישען רייהען פון פייגענבוימער, וויינשטאקען און פאלמען. צווישען די זעלנער דערקענט מען די פיילען שיסער, וועלכע טראגען געלאדענע פיילען-בויגען אין די הענד, שפעטער זעהט מען די פראצע-שיסער, די זעלנער טראגען קורצע קליידער ביז די קניה אויף די קעפ טראגען זיי שפיציגע היטלעך. אלע טראגען זיי בערד. אלע אטאקירען זיי די שטאט לכיש.

אויף א הויך בערגעל זעהט מען די שטאט לכיש וועלכע איז ארומגענומען מיט א פעסטער מויער, אויף וועלכער עס שטעהען די בעלאגערטע יודען. ארום דער מויער זענען דורך די אסיריער אויפגע-שטעלט געווארען הויכע שאנסען, אויף וועלכע עס געהען ארויף די בויגען שיסער און דערנעהנטערען זיך צו די מויערען. מען זעהט אויך די „אייזערנע טאראנעס", וועלכע פאהרען אויף רעדער און יעדער פון זיי האט אנ'אייזערנעם דישעל, מיט וועלכען ער שפאלט די מויערען. זיי זענען אין א געוויסער מאס עהנליך צו די היינטיגע טאנקס. אונטען זעהט מען די אפענע טויערען פון דער שטאט, ביי די טויע-רען 3 סלופעס, אויף וועלכע עס הענגען 3 מענשען, ווייזט אויס פון די חשוב'ע בירגער פון שטאט.

נישט ווייט פון דער שטאט זעהט מען א צווייט בערגעל, און אויף איהם א קליינע פעסטונג. אויף די מויערען פון דער דאזיגער פעסטונג קעמפען די בעלאגערטע מיט די אסיריער. אונטען טראגען א רייה אשורים די רויב פון דער שטאט. צווישען זיי טראגען עטליכע א מזבח פאר קטורת און אנדערע הייליגע כלים. נידריגער זעהט מען א וואגען פון די עמיגרירענדע געפאנגענע, דער וואגען איז אנגע-לאדען מיט זאכען, אויף וועלכע עס זיצען פרויען. כמעט אלע געפאנגענע טראגען א קריג אויף וואסער. מען זעהט אויך א פרוי וואס שלעפט נאך א קינד נאך זיך און א צווייטע פרוי טראגט א פעקעל אויף די אקסלען.

נידריגער זעהט מען א רייהע געפאנגענע, קינ-דער האלטען זיך אין זייערע מוטערס שירצען, א מאן מארשירט און 2 קינדער האלטען זיך ביי זיינע קליידער און שלעפען זיך איהם נאך. 2 געפאנגענע וועלכע ווילען נישט געהען, ווערען מיט געוואלד געשלעפט ביי זייערע פיס דורך צוויי בעוואפענטע אסיריער. העכער זעהט מען בערגלעך בעדעקט מיט וויינגערטנער, פייגענבוימער און פאלמען און אויף איין טאוועל זעהט מען אסירישע זעלנער, וואס היטען אפ די געפאנגענע, וועלכע שטעהען מיט אויסגעשטרעקטע הענד אלס צייכען פון הכנעה. נידריגער זעהט מען ווי איין אסירישער זעלנער בעפאלט מיט כעס א געפאנגענעם, האלט איהם ביי די האר פון קאפ און שטעכט אריין זיין שווערד אין געפאנגענעם'ס אקסעל.

אינמיטען טאוועל זעהט מען דעם מלך סנחריב זיצען אויף א בעפוצטען שטוהל וואס שטעהט אויף א הויך בערגעל. דעם מלך'ס פנים איז רואינירט, אפשר האבען עס געטון די פיינד, וואס זענען אריין אין זיין פאלאץ. אין איין האנד האלט ער די קעניג-ליכע רוט און די פיס זענען אנגעשפארט אויף א קליין פוס-בענקעלע. ביי דער זייט פון מלך איז אויסגעקריצט א קליינער טאוועל אויף וועלכען עס איז אנגעשריבען מיט דער קייל-שריפט „סנחריב, דער מלך פון די פעלקער, דער מלך פון אשור, זיצט אויף א הויכער שטוהל, און די רויב פון דער שטאט לכיש געהט דורך פאר איהם". פאר'ן מלך שטעהט א אסיריער אנגעטון שעהנע קליידער, ווייזט אויס א גענעראל, און אפשר טאקע רבשקה אליין, וועלכער איז דורך סנחריב'ן געשיקט געווארען קיין ירושלים. ביי דער זייט פון קעניגליכען שטוהל זעהט מען דעם מלך'ס געצעלט, וואס איז עהנליך צו א מיליטעריש געצעלט פון אונזערע צייטען. איבער'ן געצעלט הענגט א טאוועל מיט א אויפשריפט „דאס איז דאס געצעלט פון סנחריב מלך אשור". אויף איין טאוועל זעהט מען א לאגער פון די אסיריער. דער לאגער איז ארומגענומען מיט א פעסטער מויער מיט קליינע טורעמס. אין איין געצעלט שטעהט א טיש מיט א טישטוך, און אויף איהם פערשידענע שפייז-שיסלען. אין א צווייטען געצעלט, אפשר די קיך, זעהט מען א גרויסען טאפ שטעהן אויפ'ן פייער און ביי דער זייט, ווייזט אויס, דער קעכער מיט א לעפעל אין דער האנד. אין דער זייט שטעהט א שעהנער וואגען, וועלכער פלעגט דינען איבערצופיהרען די הייליגע כלים בשעה די פערשידענע מלחמה-רייזעס.

אבער נישט נאר אין די צייטען פון סנחריב מלך אשור איז געווען גרויס די בעדייטונג פון לכיש. אויך אין די צייטען פון נבוכדנצר מלך בבל — אין יאהר 597 פאר דער קריסטליכער צייט-רעכנונג האט די דאזיגע שטאט געהאט א גרויסע בעדייטונג. אין די צייטען פון עזרא ונחמיה און שיבת בבל האבען די יודען זיך בעזעצט אין פערשידענע שטעט פון יהודה און אויך אין לכיש. ווען דאס לאנד איז חרוב געווא-רען, איז אויך לכיש חרוב געווארען. אין די שפעטע-רע דורות איז פערגעסען געווארען איהר תנכ'ישער נאמען, און די אראבער האבען זי אנגעהויבען רופען תל-דואיר מיט עטליכע יאהר צוריק, איז דער אמעריקאנער פארשער אולברייט געווען דער ערשטער, וועלכער האט זיך משער געווען, אז דער דאזיגער תל איז דאס ארט פון לכיש.

(סוף קומט)

140 יאהר קאן א מענש לעבען
אזוי זאגט פראפ. וואראנאוו מיט דער גאנצער זיכערקייט

פראפעסאר ס. וואראנאוו האט פערעפענטליכט אין די עסטרייכ'ישע צייטונגען אנ'ארטיקעל אין וועל-כען ער בעווייזט, אז א מענש קאן, מיט דער הילף פון זיין מעטאד פון פערייונגערען לעבען ביז 140 יאהר.

די וואנאראוו-אפעראציעס קאסטען נאך איצט זעהר טייער און נישט יעדער קאן זיך די פערייונ-גערונג-אפעראציע ערלויבען. אין אייראפע איז נישט פערהאן קיין גענוגענדע צאהל פון מאלפעס, מיט וועמענס דריזען מען פיהרט אדורך די פערייונגע-רונגס-אפעראציע, אזעלכע מאלפעס קומט אויס צו ברענגען פון די טראפישע לענדער, זיי טראגען אבער אפט מאל נישט איבער דעם וועג, שטארבען אויס.

פראפעסאר וואראנאוו ווייזט אן אויף דער נויטווענ-דיגקייט איינצופיהרען מאלפע-צוכט אין אלע לענ-דער, וואו דער קלימאט ערלויבט עס.

די אפעראציע אליין, איבערצוזעצען די מאלפע-דריזען א מענשען (פערייונגערונגס-אפעראציע) איז איצט שוין אזוי פערפולקומט, אז זי איז אינגאנצען נישט געפעהרליך, אז פראפ. וואראנאוו זאגט, אז ער אליין אינטערעסירט זיך שוין מעהר נישט מיט דער דאזיגער פראגע, און לאזט שוין איבער די טעכ-ניק פון אויספיהרען די אפעראציעס זיינע שילער. ער אליין פערבעהמט זיך איצט אויסשליסליך מיט דער פראגע וועגען היילען די ראק-קראנקהייט.

דאס לעבן אין ווארשא

(טעלעפאנישע ידיעות פון דער הויפט־שטאט)

פראצעס געגען סעקרעטאר פון דער ווארשאווער סטאראסטווע.

אין קרייז געריכט איז פארגעקומען דער פראצעס געגען סעקרעטאר פון דער ווארשאווער סטאראס־טווע סטאניסלאוו ווראנקא, וועלכער איז בעשול־דיגט געווארען, אז ער האט גענומען ביי געוויסע „מאכערס“ געלד און פאר די „לאפוביקעס“ ארויס־געגעבען די בעשולדיגונגס אקטען פון די ארמיני־סטראציע בעשטראפטע, איניגע אקטען האט ער צו־ריסען, זאמליכע בעוויזען אפגעגעבען א.ד.גל.

ווראנקע האט בעוויזען ביז צום פראצעס צו ענ־טלויפען. מען האט צושיקט נאך איהם פלוג־בריף.

די „מאכערס“ וועלכע האבען מיט איהם געאר־בייט זענען איניגע בעפרייט געווארען צוליב דער אמ־נעסטיע. רוחזקי און באטשינסקי זענען פעראורטיילט געווארען אויף 3 יאהר טורמע. א העלפט פון דער שטראף איז זיי צוליב דער אמנעסטיע געשאנקען געווארען.

יודישע קהלות זאלען אויסקויפען פאטענטען.

ווי עס איז שוין מיטגעטיילט געווארען האבען איניגע פינאנץ אמטען אין פערשידענע שטעט פער־לאנגט אז די יודישע קהלות זאלען אויסקויפען פא־טענטען אויף צו פיהרען די שחיטות און מקוואות.

מען האט בשעתו אינטערוועניר בייטער צענ־טראל מאכט, וועלכע האט די קהלות פון די דאזיגע אפצאהלען בעפרייט.

איצט האט די יודישע קהלה אין ווארשא בעקו־מען מעלדונגען פון א רייה קהלות אין דער פראווינץ אז די פינאנץ מאכט פאדערט ווידער מען זאל אויס־קויפען פאטענטען. די יודישע קהלה פון בענדין האט אויך מיטגעטיילט אז די דארטיגע פאליציי האט צו־זאמענגעשטעלט א פראטאקאל דער קהלה הלמאי מען בעשעפטיגט דעם ביורא פערסאנאל אין זונטאג.

די יודישע קהלה אין ווארשא האט ווידער אונ־טערגענומען אנ׳אינטערווענץ.

כאראקטעריסטישער אורטייל פון העכסטען געריכט וועגען דאלאר־קורס.

אין דער ערשטער קאמער פון העכסטען ציוויל געריכט איז ארויסגעטראגען געווארען א כאראקטע־ריסטישער פסק דין אין דער פראגע פון דער סעריע איבערעכענען די ווערט פון דאלאר ואפן גרוער פון דעקרעט פון מלוכה פרעזידענט.

עס איז בעהאנדעלט געווארען די קאסאציע גע־גען אורטייל פון אפעלאציע געריכט אין לעמבערג, וועלכער האט צוגעמשפט א געוויסען הייזוואלד 5 טויזענד 500 דאלאר פון זיין בעל חוב, בערעכענט לויטן קורס פון 8.90 א דאלאר אין די מאטיווען פון דעם פסק איז אפגעגעבען, אז אין דער טראנזאקציע צווישען די צדדים איז אין זיכער צייט אפגעגעבען געווארען אז דער קורס פון דאלאר איז 8.90.

דער בעל חוב איז ארויסגעטרעטען געגען דעם אורטייל און אויפגעוויזען אז לויטן דעקרעט פון מלוכה פרעזידענט דארף דער דאלאר בערעכענט ווע־רען 5.20. דאס געריכט פון דער ערשטער אינסטאנץ אין סטאניסלאוואו איז מסכים געווען מיט דער דאזיגער השגחה, דאס געריכט פון צווייטער אינס־טאנץ אין לעמבערג האט אבער געהאלטען אז דער דאלאר דארף בערעכענט ווערען לויטן פוילען קורס פון פאר דער דעוואלואציע.

דאס העכסטע געריכט האט זיך געשטעלט אויף דעמזעלבען שטאנדפונקט, און אפגעווארפען די אנ־קלאגע פון בעל חוב, ער וועט אלזא מוזען צאהלען לויטן פוילען קורס פון דאלאר 8.90.

קרעדיטען פאר קליינע בעל מלאכות

א דאנק די בעמיהונגען פון די האנדווערקער־ארגאניזאציעס ווערט געעפענט ספעציעלע קרעדיטען (אין דער סומע פון 100.000) זלאטעס אין דער קאמונאלער שפאר קאסע פאר קליינע בעל־מלאכות. יעדע הלוואה זאל נישט אויסמאכען מעהר ווי 250 זל. אויף 1 פראצ. א יאהר, אלס פערזיכערונג פון דער הלוואה וועלען אנגענומען ווערען וועקסלען אר־דער אנדערע פערפליכטונגען אהן זשיראס פון דריי־טע פערזאנען.

לוסטראציע אין די האטעלען.

די אינדוסטריע אפטיילונג ביי דער שטאטישער פערוואלטונג פיהרט איצט אדורך אין פערשטענדי־גונג מיט דער שטאטישער סטאראסטווע א לוסטרא־ציע אין די האטעלען. לויט די נייע פארשריפטען דארף אין יעדען צימער זיין וואסער ליטונג. עס ווע־רען איינגעפיהרט אויך אנדערע איינריכטונגען צו־ליב היגיענישע און זיכערהייטס צוועקען.

די איינהאבער פון די האטעלען זאלען אין משך פון 3 חדשים איינפיהרען די נויטיגע אינוועסטיציעס.

פלענאר זיצונג פון דער האנדעלס און אינדוסטריע קאמער.

מארגען דעם 30 ד.ח. זאל אין ווארשע פארקומען די פלענאר פערזאמלונג פון דער האנדעלס און אינ־דוסטריע קאמער.

מיניסטער קלארנער זאל ארויסטרעטען מיט א רע־פעראט וועגען דער איצטיגער ווירטשאפטליכער סי־טואציע אין לאנד נאכדעם ווערט ערווארט א ברייטע דיסקוסיע, אין וועלכער עס דארפען זיך ארויסזאגען די בעוואוסטע פארשטעהער וועגען דער לאגע אין די האנדעלס און אינדוסטריע קרייזען..

דעמאלירט דאס בית המדרש און דעם לאקאל פון מזרחי אין רעמבערטאוו

אין רעמבערטאוו האבען כוליגאנעס דעמאלירט דעם בית המדרש, אויסגעהאקט אלע שויבען, צור־בראכען די טישען, די עלעקטרישע לעמפלעך, אר־רויסגעווארפען פון די שאפעס די ספרים און אויפן שענדליכסטען אופן פעראונרייניגט דעם לאקאל. די כוליגאנעס האט מען נישט געכאפט.

אין דערזעלבער נאכט איז וואהרשיינליך דיי־זעלבע באנדע כוליגאנעס בעפאלען דעם לאקאל פון „מזרחי“ און דארט אפגעטון דאס זעלבע שטיקעל ארבייט.

די פאליציי פיהרט אנ׳אויספארשונג.

פערפאלען געווארען אנ׳אוצר.

מיט א פאר חדשים צוריק האט זיך אין דער לענ־טשיצער „אמענא“ געפינען“ אויף קוראציע דער פראפעסאר פון פאליטעכניקום — טשאפאוסקי, דער פראפעסאר האט נאכדעם געהאט אנ׳־אפעראציע וועלכע האט זיך פערענדיגט קאטאסטרא־פאל. דער קראנקער איז געשטארבען.

עס איז געווען בעוואוסט, אז דער פראפעסאר בעזיצט אין א סייף פון פ.ק.א. א גאנצען אוצר: עטליכע צענדליג גאלדענע 10־רובל שטיק און עט־ליכע טויזענט גאלדענע 20־דאלער מטבעות.

נאכן פראפעסארס טויט האט זיך אפגערופען זיין נאהנטסטע יורש׳טע, וועלכע וואוינט אין לענינ־גראד, זי האט געשיקט איהר טאכטער, וועלכע וואוינט אין ווילנע, א בעפולמעכטיגונג אפצונעהמען דעם אוצר, ווען מען האט געעפענט דעם סייף פון פ.ק.א. האט זיך ארויסגעוויזען אז ער איז ליידיג.

די אויספארשונג מאכט האט זיך גענומען צו דער ארבייט און פעסטגעשטעלט: נישט לאנג פארן טויט האט דער פראפ. טשאפאווסקי גערופען צו זיך זיינעם א קרוב א ריכטער פון שטאטישען געריכט און איהם געזאגט:

— איך ווייס נישט צי איך וועל נאך לאנג לע־בען, וויל איך נאך איינמאל ארורכקוקען מיין אוצר“.

דער ריכטער האט אויפן גרונד פון א בעפול־מעכטיגונג ארויסגענומען דאס גאלד פון סייף און עס געבראכט אין א גרויסער וואליזע, אין דער לע־טשניצע וואו ער האט זי אוועקגעשטעלט אין צימער פון דעם קראנקען, וואס עס איז געווארען מיט דער וואליזע מיט גאלד נאך פראפעסאר טשאפאווסקים טויט — ווייסט קיינער נישט.

די אויספארשונג אין דעם ענין דויערט.

ראדיא - ווינקעל

א האלבער מיליאן ראדיא - אבאנ[ענ]טען

דער פוילישער ראדיא שטרעבט זעהר און [...] צו דערגרייכען די צאהל פון א האלבען מיליאן א[בא]נענטען. פארן פוילישען ראדיא איז דאס בלי [...] א דערפרעהענדע ערשיינונג.

נישט געקוקט דערויף, וואס די ווירטשאפט[ליכע] שווערע צייט לאזט זיך פיהלען אומעטום, קומען [...] אן דערפרעהענדע ידיעות אויפן געביט פון ראד[יא־]פאניזירען דאס לאנד. הגם דער שטופ־בודזשעט [...] אומעטום וואס אמאל מעהר איינגעשרומפענער, [...] דאך די סטאטיסטיק אויף, אז די הוצאה אויף א [...] דיגען ראדיא־אבאנאמענט איז היינט אזא [...] ציע, וואס מוז ווייטער בלייבען — דעם ראדיא [...] מען פארט האבען. אפילו אינם סאמע קלענ[סטען] בודזשעט — סיי פונם נייסטיגען ארביטער, סיי [...] פויזישען — מוז די דאזיגע הוצאה פסדר פינ[...] און זי לאזט זיך אין קיין פאל נישט בעוויש[...] חערויף זאגט שוין אמבעסטען עדות דאס פסח[...] וואקסען פון דער צאהל ראדיא־אבאנענטען, [...] כע האט שוין אין די ערשטע טעג פון חודש [...] בער 1935 געהאלטען ביי העבער 460 טויזענט [...]

אז די ראדיא ־ טעכנישע אינדוסטרי, וואס [...] הינטער זיך די פראקטיק פון די פריהערדיגע [יאהרן] האט זיך געהעריג צוטעגרייט צו דער קאמ[פאניע] פון א פולען ראדיא־סעזאן — האט א גרויסע [...] דערביי געשפילט די בעציהונג מצד די געזעל[שאפט]ליכע ארגאניזאציעס און דער זעלבסטפערוואל[טונג] מאכט. זיי האבען דאס א סך מיטגעווירקט דעם [...] שריט פון ראדיאפאניזירען די פוילישע מדינ[ה...] געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס, וואס האבען [...] צו זייער רשות טויזענדער איינענע פאזיציעס [...] גאנצען לאנד — האבען א דאנק דער איניצי[אטיוו] פון פוילישען ראדיא זיך פאזיטיוו בעציגען [...] פראבלעם פון ראדיאפאניזירען, צום פראבלעם [...] פראפאגאנדע פארן ראדיא. זיי האבען זייערע [מיט]גלידער ערמעגליכט איינצושאפען פאר זיך אויף א [...] צאהל ביליגע אפאראטען און אויך ערלעדיגט [...] די אלע פארמאליטעטען, וואס האבען דערמ[יט] שייכות.

די זעלבע פערשטענדניש צו דער אקציע פון [...] שפרייטען ראדיא ווייזען אין פיל שטעט ארויס [...] די סטאראסטוועס און די זעלבסטפערוואלטונג[ס...] מאכט (מאגיסטראטען, גמינעס א. אז. וו.).

אזוי נאך קומען שוין די רעזולטאטען [...] בולט׳ע און אויך באלדיגע, ווייזט דאך טאקע [...] די סטאטיסטיק, אז אין די לעצטע חדשים פון [...] דיגען יאהר איז צוגעקומען א גאנץ שעהנע צאהל [...] ראדיא ־ אבאנענטען.

ערד פון דער היים

(דערציילונג) פון חיים פעט

— אזוי, שוין דיין טאטע אויך געשטארבען? זער־זשע איז פערבליבען?

— באלד וועט איהר זעהען מיט אייערע איי־גענע אויגען — האט מאטעל דער בעל־עגלה גע־ענטפערט כמורנע, און ער האט א שמיץ געטון דאס פערדעל.

— ווי ווייט איז נאך צו זאבלודעווע? — האט זיך דוד נישט געקאנט איינהאלטען און א פרעג געטון מאטלען.

— זיכער נעהנטער ווי צו אייער אמעריקע דארט!... — און דאס פערדעל ווידער געשענקט אנ׳־איבעריגען שמיצעל...

דאס פערדעל האט פון די האלאבליעס א קאסען קוק געטון אויף דעם אמעריקאנער דוד׳ן, וועלכער איז געזעסען בריטלעך אין וואגען איינגעהילט אין גרינגען וואונדער... ער האט דערקענט די דערפלעך, וואס זענען געלעגען ביי דער זייט פון וועג, זיך אפילו דערמאנט זייערע נעמען... און אט איז דאס פהערעל אריינגעפאהרען אין בארער וואלד, וואו אלס יונגעל האט ער געקליבען יאגדעס, שוואמען, האדישע ניסלעך. דער זעלבער וואלד, כמורנע, טונקעל און טויב. איצט וואלט ער געהאט מורא אריינצושטעלען א פוס דארט...

דוד קוקט אויף אלץ מיט שטארקע אפענע אוי־גען. ס׳איז איהם אומעטיג פאר גליק. קינדערשע פרייד וועהט אויף איהם... נאר ווען דוד האט דער־זעהען פון ווייטען דעם בית־החיים האט ער א טא־רע געטון מאטלען פאר דעם אקסעל ער זאל זיך אפ־שטעלען. ער וועט איהם בעצאהלען עקסטרע...

אין א ווילע ארום האט מאטעל פערקירעוועט דאס פערדעל צום שטיינערנעם פארקאן פון בית־עולם. דוד איז אראפגעשפרונגען פון וואגען, איז מיט א געבויגענעם קאפ אריין אין אייזערנעם טויער. ער איז געגאנגען דורך שורות מצבות, וואס זענען געשטאנען מיט זייערע פערקריצטע געשריפטען פון מענשען, וואס זענען ווי ער, דוד, געגאנגען, גע־פאהרען, געטומעלט... איצט איז בלויז זייערע גע־דעכעניש אויסגעבענט אויף שווערע שטיינער, וואס שטעהן באהענט איינע נעבען די אנדערע אין ציילען, ווי פערשטיינערטע סאלדאטען.

דוד׳ן איז אנטקעגענגעקומען בערטשיק דער בית־הקברות מאן, א נידעריג יודעל, א פערוואקסע־נער, מיט אויסגעפאטשקעטע שטיוועל פון ליים און בלאטע. אין זיינע צושפאלטענע ליפען האט זיך געראכערט אנ׳אלטע שווארצע ליולקע מיט א ציבוק, פון וואנען ס׳איז אראפגעהאנגען אנ׳איינ־געבויגענער דראט ווי האטשיק.

בערטשיק האט אנגעקוקט דוד׳ן פאר א ווילע כמורנע, פרעמד און מיט רוגזה, ווי איינער זאגט: וואס טוטסטו אין מיין שטילער מדינה?.. אבער בער־טשיק האט איהם באלד דערקענט... ער האט ארו׳יס גענומען די ליולקע פון מויל, זיך אפגעווישט מיט׳ן ארבעל די צעשפאלטענע ליפען, וואס האבען גע־וויזען נאקעטע גרויסע, געלע ציין.

— מיט וואס קאן איך אייך בייהילפיג זיין, רב דוד?

דוד האט זיך ווי אויפגעכאפט פון א חלום... ער האט געקוקט גוטמוטיג אויף בערטשיק׳ן, וואס לעבט, דוכט זיך, אלעמען איבער... אויך אויף בער־טשיק׳ן האט א יאג געטון די עלטער, כמורנער געווארען, שווערער, די העוד שארסקער, די אוי־גען איינגעגראבענער און דאס פנים קלענער און כיטרער...

— קאנט איהר מיר ווייזען וואו מיין מאמע׳ס הייליגעביינער רוהען?

— אייער מאמע! — האט בערטשעק געצויגען דאס קול און געקנייטשט זיין שטערען, כדי צו ווייזען דוד׳ן ווי שווער עס איז צו געפינען...

— אייער מוטער, דוכט מיר, האט געהייסען חנה בת יעקב — און ער האט אוועקגעבראדיעט מיט זיינע פערבלאטיגטע, פערליימטע שטיוועל צווי־שען די קברים און מצבות.

ווי דורך אויסגעשטארבענע געסלעך האבען זיך געהערט די טריט פון בערטשיק׳ן מיט דוד׳ן. ווען בערטשיק האט זיך אפגעשטעלט נעבען א הויכען שטיין אנ׳אפגעלאקירטען, האט זיך בער־טשיק אפגערופען:

— איך קאן נישט לייענען, אבער פערלאזט זיך אויף מיין זכרון... דא רוהט אייער מוטער.

ער איז געווען צופרידען מיט זיך, וואס ער האט אזוי איידעל ארויסגעזאגט דאסווארט מו־טער...

דוד האט ארויסגענומען פון א שיידעל שפא־קולען, זיי אנגעטון פאמעלעך אויפ׳ן נאז. ער האט געלייענט דאס געשריפט פון דער מצבה ווי א הייליגע געשריפט פון א מגילה. די אויגען זענען איהם פול געווארען מיט טרעהרען, זיין קול איז איהם גע־בליבען שטעקען אין האלז. ער איז געשטאנען גלייך, אויסגעשטרעקט, פערלייגט די הענט, אלס קליינער יונגעל. ווען מען האט זיין מאמען דא אין גרוב אראפגעלאזען. מיטאמאל האט זיך דוד אויסגעדרייט מיט דער פלייצע צום שטיין. ער האט אנגעשעפט אין קעשענע א הויפען זילבער־געלד און דערלאנגט בערטשיקן. בערטשיק האט די מטבעות פערקוועטשט אין זיין שארסקער האנד און מיט איינגעהאלטענער פרייד איבערגערוקט די ליולקע אין זיין מויל...

דורכ׳ן שטעטעל האט מאטעל געשמיסען דאס פערדעל, ער האט נישט געוואלט, אז דער אמעריקא־נער פאסאזשיר זאל האבען צייט זיך ארומצוקוקען. ער וויל נישט פערברענגען די צייט, כאטש ער ווייסט, אז דער אמעריקאנער העכט וועט איהם נישט קריוודען...

און ווען מאטעל איז צוגעפאהרען צו זיידקע דעם פארבער׳ס הויז, איז ווי פון א פאסטקע וואלט מען ארויסגעלאזען מייז, אזוי האבען זיך א שאט געטון פון דער אפענער טיר קליינווארג. און זיידקע מיט איינגעפארבטע הענד איבער די עלענבויגענס האט זיך בעוויזען אין טיר.

— סארא גאסט! סארא גאסט! באשע, זאלסט מיר לעבען, קום ארויס, זעה נאר ווער ס׳איז דא! דוד! דוד! פון אמעריקא. — דוד מיט זיידקע׳ן האבען זיך צוקושט.

דוד קוקט אויף דעם הויז, וואס ער האט פער־קויפט זיידקע׳ן, איידער ער איז אוועקגעפאהרען אין אמעריקא. שווער צו דערקענען: אפגעשאלע וועט, אויסגעגליכט. אפגעפארבט און ארומגעבויט מיט גאנעקעס. די מענשען זענען עלטער געווא־רען און דאס הויז יונגער, ווי מאדנע...

אין הויז האט דוד געפונען עטליכע שטיקער מעבעל, וואס האט איהם זעהר דערפרייט: דעם גרינעם קופערט, אנ׳ארומגעשלאגענעם מיט פער־זשאווערטע רייפען. ס׳האט זיך געשיילט פון קו־פערט די פארב ווי לוסקע. דער קאמאד אהן די גלעז־זערנע גאלקעס אין די טישקעסטלעך. עס סטארטשען ארויס אויף דעם פלאץ פון די גאלקעס שווארצע טשוועקלעך. און א פוס פעהלט דעם קאמאד. עס ליגען קלעצלעך איינע אויף די אנדערע, אז מען ריהרט אן דעם קאמאד, קרעכצט ער און וויגט זיך...

— דו קוקסט אויפ׳ן קאמאד, דוד? — האט זיך זיידקע אפגערופען. איך קלויב זיך איהם א ליאדע טאג ארויסווארפען.

— הערסט, זיידקע! ווען דו קאנסט זיך אריי־בערכאפען צו מיר קיין אמעריקא, אין מיין היים, וואלסטו געמיינט, אז א גראף וואוינט דארט. נישט אנדערש; גרויסע שפיגלען, געפארבטע דילען, עלעקטרישע לאמפען, א באד מאכט מען זיך אין הויז. פונדעסטוועגען ווען איך קאן אריבערפיהרען דעם אלטען צובראכענעם קאמאד וואלט דאס מיר פערשאפט א סך גליק.

שפעטער איז זיידקע אין זיינע שבת׳דיגע בגדים ארומגעגאנגען מיט דוד׳ען, איבער די זאב־לודאווער געסלעך. זיי זענען געגאנגען ביידע חברים אזוי פערטון... אז זיי האבען נישט געפיהלט, ווי דער זומערדיגער רעגען האט אויף זיי געגידערט.

אין הויז זענען זיי געקומען אויסגעווייקטע, מיט שיינענדיגע פנימ׳ער. באשע איז זיי אנטקעגענגעקומען א לאכענדיגע:

— נו, איצט פערשפארט איהר זיך וואשען צום עסען... — מאנסבילען! מאנסבילען! זיך פעררעדט ווי די ווייבער. — אמער אז איהר וואלט די זעלבע סודות דא אין שטוב גערעדט? איך וואלט סיי ווי זיך צוגעהערט מיט איין אויער... דוד איז געשטאנען איבערראשט פאר באשע׳ס אויסשפראך, וויפיל היי־מישקייט עס ליגט אין יעדען ווארט איהרען. דער טעם פון איהרע ווערטער, ווי געפיהלטע צוקערק[...] ס׳איז נאר א שאד וואס מארגען גאנץ פריה [...] לאזט ער זיין אמאליגע היים. איצט שוין [...] שטענדיג...

— וואס טראכט איהר, דוד? דער שטע[...] קאן נאך קאלט ווערען... עסט מיט די קארטא[פל...] זיי זענען מעליג, צושיטען זיך אין מויל. ר[...] אן די סמעטענע. עס בייסט זיך נישט... די [...] טענע איז נאר וואס אראפגעכאפט פון די לאדעס[...] שא! און די בלינצעס וואס פערשעהמט איהר! [...] האט זיך קיינמאל אזוי נישט איינגעגעבען... [...] אויפ׳ן מזל פון אזא גרויסען גאסט.

— עס פערדריסט מיך, וואס איהר פאהרט [...] גען אוועק. אייער אמעריקא וועט אייך אנטלויפ[ען] וואס איז די איילעניש?...

דוד האט געקוקט ליב אויף באשע׳ן. ער [...] יצושאלעוועט רעדען. זיך אויך געשעהמט [...] זיין שטומפיגען יודישען לשון...

— מיין רייזע איז אויסגערעכענט אויף [...] מינוטען. איך וויל נאך בעהכני א סך שטעט[...] זעהן מיט אמאליגע מיינע פריינד. ס׳איז מיר [...] יא בעשערט געווען זיך ארויסצורייסען פון [...] אמעריטשקע...

בעטגעלאפען איז דוד אויף דריי הויכע [...] ניין! ער איז נישט געשלאפען, נאר געזעסען [...] בעט הארט ביים פענסטער. דער שטילער [...] נדיגער רעגען האט גערעדט איבער׳ן דאך, [...] שען די שויבען מיט דינע קלאנגען.

דוד האט איבערגעטראכט, וואס עס האט [...] מיט איהם געטראפען אין דעם הויז... זיינע [...] דערשע בחור׳שע יאהרען, האבען איצט אזוי [...] זיך אויפגעוועקט. ער האט קיינמאל אזוי וואו [...] געפיהלט. די יוגענד גלאנצט פאר איהם...

ער האט זיך אויפגעהויבען פאוואליע פו[...] האט געעפענט איינעם פון זיינע טשעמאדאנע[ן], אנטאפענדיג דעם נייעם שווארצען סורדוט, [...] ער איהם ארויסגעצויגען... דער סורדוט [...] שווארצער געמאכט די נאכט... דערנאך [...] ארויס אין פיר־הויז, געבליבען שטיין [...] איינגעהערט צי קיינער וועקט זיך נישט. [...] האט זיך נישט געוועקט. דער שלאף האט [...] טיף זיין כשוף אין דעם הויז... דוד האט [...] געטון די טיר און זיך ארויסגערוקט אין [...] ער האט זיך איינגעבויגען און אנגעטאפט [...] שפיצען פינגער די נאסע ערד. ער האט [...] א געפיהל צו פערזוכען דעם טעם פון דער [...] דערנאך האט ער דעם טורדוט אויסגעצויגען [...] דער ווייכער ערד און איהם איינגעקראצט [...] די פינגער. אז ער האט דעם סורדוט אויפ[...] מיט ביידע הענד, האט ער איהם געטראגען [...] אין הויז ווי א גע׳חלש׳טען מענשען. ער איז [...] איצט גליקליך: וואס ער פיהלט די ערד פון [...] אלטער היים אויף זיין שענסטען בגד...

און אין די פאר שעה איידער דער טאג [...] אויסגעבראכען, איז דוד אנגעטרונקען געווע[ן...] א שטארקען יונגען ש׳אף...

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

לאדזער פראגעז אויף דער זיצונג פון אויבער-ראט פון יודישע סוחרים אין ווארשא

קיין סעקרעטאריאט אין לאדז וועט נישט געשאפען ווערען.—קיין צוזאמענפאהר אין לאדז וועט נישט פארקומען.—רייזענדער-פעראיין א מיטגליד אין אויבערראט

שהערנעכטען איז און ווארשא פארגעקומען אונטער פארזיץ פון מוירזי מייזעל א זיצונג פון אויבער-ראט פון יודישען סוחרטום. די זיצונג האט געדויערט א גאנצען טאג און האט זיך פערנומען מיט ברענענדע פראגען פארן יודישען סוחרטום. פון די ווארשאווער סוחרים צענטראלע זענען אנוועזענד געווען די ה'ה גנוו. סעג. שערעשעווסקי און פרעזעס מייזעל, פון דער קליינהענדלער צענטראלע די וויצע פרעזעסען ליבערמאן און כארי (לאדז), ווייטער זענען פון לאדז אנוועזענד געווען די ה'ה פרעזעס לעווינשטיין אחן דיר. הוימאן פון פעטריקאווער 73 און פרעזעס יאשונסקי פון פעטריקאווער 10 און א ריי דעלעגאטען פון דער פראווינץ.

באלד אין אנהויב פון דער זיצונג האט דאס פרעזידיום אפגעגעבען א בעריכט פון דער דעלעגאציע, וועלכע האט אינטערוועניערט אין מיניסטעריום מכוח די רדיפות אויף'ן יודישען סוחרטום, די דעלעגאציע האט בעקומען די פערזיכערונג פון וויצע-מיניסטער אז די רעגירונג טוט און וועט אלץ טון, כדי אפצושטעלען די כוליגאנישע שטיק.

דאן האט אינזש. יידעמאן געהאלטען אנ'אויספיהרליכען רעפעראט וועגען עקספארט - מעגליכקייטען און אנגעוויזען אז בעת עס פערשמעלערט זיך כסדר דער אינערליכער מארק פאר דעם יודישען אינדוסטריעלער און סוחר וואלט די ענערגיע און פעהיגקייטען געקענט אויסגענוצט ווערען אויף עקספארט-מעגליכקייטען צו וואס עס זענען, לויטן רעפערענט פאראן די בעסטע מעגליכקייטען.

אין דער דיסקוסיע וועגען דער דאזיגער פראגע האט אויך אנטיילגענומען פרעזעס לעווינשטיין, וועלכער האט אנגעוויזען אויף די עקספארט-מעגליכקייטען קיין ענגלאנד.

דאן האבען די ה'ה ארדו. מארגאליו און ארדו. גראנאט געהאלטען רעפעראטען וועגען די ענדערונגען וואס זענען געמאכט געווארען אין לאקאטארען-שוץ, ס'איז בעשלאסען געווארען אונטערצונעהמען אנ'אקציע אז אויף האנדעלס לאקאלען מיט א פארטענט פון דער דריטער קאטעגאריע זאל ווייטער הל זיין דער לאקאטארען שוץ ווייל די דאזיגע אונטערנעהמונגען דארפען בעטראכט ווערען אלס ארבייטס ווארשטאטען.]

די ה'ה אינזש. זיידעמאן און אדווה אלומנוצקי האבען דאן רעפערירט די פראגע פון דעם ענטלאסטונגס געזעץ פאר לאנדווירטען, ווי ס'האט זיך ארויסגעשטעלט פון די רעפעראטען זענען יודען אנגאזשירט מיט 200 מיליאן וועלכע זיי קענען נישט ארויסבעקומען. סאיז ענטשטאנען א פראיעקט אז דער באנק ראלני און באנק אקצעפטאציינע זאלען ארויסגעבען הלוואות אויף די חובות וואס די סוחרים האבען ביי די לאנדווירטען, דער ענין איז איבערגעגעבען געווארען דעם פרעזידיום אין דער יודידישער אפטיילונג.

דאן האבען די ה'ה כארי (לאדז) און קאוועצקי (ווילנא) רעפערירט א פראגע פון שאפען א סעקרעטאריאט אין לאדז וואו ס'זאלען געזאמעלט ווערען מאטעריאלען פאר רעפ. מינצבערג צו זיין סיים-טעטיגקייט: ווי בעקאנט איז מיט א צייט צוריק פארגעקומען אין לאדז א בעראטונג פון אלע ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס, אויף וועלכע ס'איז בעטראכט געווארען די פראגע פון שאפען אזא סעקרעטאריאט. קיין בעשלוס איז דעמאלט נישט אנגענומען געווארען. ווייל א טייל דעלעגאטען אויף דער דעמאלסדיגער זיצונג האט געהאלטען אז אזא סעקרעטאריאט וועט זיין אין סתירה צו דער מעטיגקייט פון אויבער-ראט און דעמאלט איז בעשלאסען געווארען צו בעריהרען די פראגע אויף דער זיצונג פון ווארשעווער אויבער-ראט.

די דיסקוסיע וועגען דער דאזיגער פראגע האט געדויערט איבער 2 שעה און צום סוף איז בעשלאסען געווארען נישט צו שאפען אין לאדז אזא סעקרעטאריאט נאר אלע פעראיינען זאלען שטיצען די יודישע דעפוטאטען און סענאטארען מיט אלערליי מאטעריאלען.

ווייטער איז בעריהרט געווארען די פראגע פון צונויפרופען א רעגיאנאלען צוזאמענפאהר פון אלע יודישע ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס אין דער לאדזער וואיעוואדזטווע קיין לאדז, אזא בעשלוס איז אנגענומען געווארען אויף דער גרויסער בעראטונג, וועלכע איז מיט א וואך צוריק פארגעקומען אין סוחרים פעראיין אויף פעטריקאווער 10, דער אויבער-ראט האט ארויסגעזאגט די מיינונג, אז אין איצטיגען מאמענט איז נישט ווינשענסווערט צונויפצורופען אזא צוזאמענפאהר.

צום סוף איז בעטראכט געווארען נאך א לאדזער פראגע וועגען אננעהמען דעם רייזענדער- פעראיין אין אויבער-ראט די ווענדונג פון לאדזער רייזענדער פעראיין איז ערלעדיגט געווארען פאזיטיוו און דער פעראיין איז אנגענומען געווארען אין אויבער-ראט.

ס'איז אויך אנגעקומען א ווענדונג פון דאנציגער יודישען סוחרים פעראיין וועגען אננעהמען איהם אין אויבער-ראט, די ווענדונג האט נישט געקענט בעריקזיכטיגט ווערען צוליב דעם וואס דער סטאטוט נעהמט ארום בלויז די פעראיינען אין פוילען, עס איז אבער בעשלאסען געווארען צו שטעהן אין קאנטאקט מיט דעם יודישען סוחרים פעראיין אין דאנציג.

גרויסער סקאנדאל מיט א לאדזער בעשטעלונג אויף א מיליאן זלאטעס

אדורכגעלאזט די מעגליכקייט פון עקספארט

דעם 28טען דעצעמבער 1935 האבען די לאדזער פאבריקאנטען פון דער טריקאטאזש בראנזשע בעקומען פון אויסערן מיניסטעריום א מיטטיילונג, אז זיי זאלען אפגעבען א גענויע אפערטע אויף טריקאטאזש סחורות אויף א מיליאן זלאטעס אויף צו עקספארטירען קיין אינדיען. דער טערמין פון אפגעבען די אפערטעס האט זיך געענדיגט דעם 8 יאנואר. דאס אויסערן מיניסטעריום האט אבער נישט צוגעשיקט קיין לאדז קיין מוסטערען פון די פערלאנגטע סחורות, די אפערטע האט אויך נישט געקענט אפגעגעבען ווערען טעלעגראפיש. נאר אויף א פארמולאר און א חוץ דעם געהט די פאסט קיין העלהי (אינדיען) דריי וואכען. צוליב דעם איז די פוילישע אפערטע אויף א מיליאנען בעשטעלונג אפגעווארפען געווארען.

ווי ס'ווייזט זיך איצט ארויס איז די פאדערונג וועגען דער אפערטע אנגעקומען קיין ווארשע דעם 10טען דעצעמבער, אבער פון מיניסטעריום קיין לאדז איז זי אבער אנגעקומען ערשט דעם ...28 דעצעמבער. וואס האט אוממעגליך געמאכט די טראנזאקציע.

ווי מ'טיילט אונז מיט האט די לאחוער טריקאטאזש אינדוסטריע בעקומען בעשטעלונגען אויף א סומע פון 700 טויזענד זלאטעס.

אויפלעבונג אויפ'ן לאדזער מארק פון וואלענע סחורות

(ג) די לעצטע וואך איז אין לאדז נאטירט געווארען א בעדייטענדע אויפלעבונג וואס איז געקומען צום אויסדרוק אין די פערגרעסערטע אומזאצען צווישען די לאדזער פראדוצענטען און די פראווינציאנעל הורט סוחרים. די דעטאליסטען האבען נאך נישט אנגעהויבען צו קויפען. עס דארף בעטאנט ווערען אז דערווייל קומען קיין לאדז סוחרים פון די גרעסערע פראווינציאנעלע שטעט בעזונדערס פון גאליציען, למשל לעמבערג, טארנאוו, א. אז. וו. פון די קלענערע שטעט זענען נאך נישט געקומען קיין סוחרים.

אין דער לעצטער צייט בעמערקט זיך אין לאדז א גרויסע נאכפראגע אויף שטרייכגארען ארטיקלען, וואס וועלען לויט דער מיינונג פון די סוחרישע קרייזען אין לויפענדען סעזאן האבען א גרעסערען ערפאלג ווי אלע אנדערע ארטיקלען. דער זומער סעזאן און די וואל-אינדוסטריע האט נישט קיין גוטע הארעסקאפען, ווייל דער פערקויף אין זומער סעזאן איז אפהענגיג פון דעם ווי עס איז אויף דער פראווינץ אדורך דער ווינטער סעזאן. פון דער פראווינץ קומען אבער אן נישט קיין גוטע ידיעות: די סוחרים געפינען זיך אין א שלעכטע לאגע זיי קענען נעמליך נישט פערקויפען די זאפאסען, וואס זיי האבען איינגעקויפט אין לאדז.

עס דארף נאך צוגעגעבען ווערען, אז אויפ'ן מארק הערשט א נערוועזע אטמאספערע. די פראדוצענטען, וואס פלעגען ערטיילען אפענעם קרעדיט און אויף וועקסלען זענען איצט זעהר פארזיכטיג ביי'ם ערטיילען קרעדיטען. עס הערשט אויפ'ן מארק א ערנסטער קריזיס פון צוטרוי, עס איז אויך נישט קיין וואונדער די לעצטע פליטות אויף דער פראווינץ האט דעם פאבריקאנט זעהר א סך אויסגעלערנט.

איין גינסטיגער מאמענט אין דער גאנצער לאגע איז וואס ביי'ם זומער סעזאן פאלט אוועק די ביאליסטאקער קאנקורענץ, ווייל ביאליסטאק פראדוצירט נאר דיקערע סחורות און פאר דער לאדזער וואל פראדוקציע איז נישט קיין קאנקורענץ.

גרויסע אפערע פון צאהן-טעכניק קאראבאנאוו

אויסגענארט 150,000 זל. און ענטלאפען קיין פאלעסטינע; צושיקט פלוג-בריף נאכ'ן אפעריסט

(א) מיט א צייט צוריק האט געמאכט א גוואלדיגען רושם אין געוויסע קרייזען די ידיעה, אז דער צאהן טעכניק אדאלף קאראבאנאוו (פילסודסקי גאס 31) האט אויסגענארט אויף פערשידענע אופנים ביי מענשען א גרויסע סומע געלד און איז ענטלאפען.

די אפערע האט קאראבאנאוו אדורכגעפיהרט אויף פאלגענדען אופן: אין פערשידענע פירמעס האט ער גענומען מעבעל קליידער, וועש, ציהרונג, געלד צו צאהן-טעכנישע ארבייט א. ד. ג. פאר אלעמען בעצאהלט מיט וועקסלען, אדער בעקומען פריי, אלץ אויף א געשיקטען אופן ארויסגעקויפט און ארויסגעפיהרט, אנ'ערך 150 טויזענד זלאטיס.

דאס מעבעל פון זיין דירה האט ער ארויסגעפיהרט אויך גאר א געשיקטען אופן: דעם יוירט האט ער מודיע געווען, אז ער וויל אדורכפיהרען א גענויעם רעמאנט אין זיין דירה און צו דעם צוועק פיהרט ער איבער די זאכען צו די קרובים... די זאכען האט מען שוין נישט צוריקגעפיהרט און קיין רעמאנט אויך נישט געמאכט.

עס איז א סברא, אז אין טאג ווען ער איז ענטלאפען האבען איינצע פון זיינע קרעדיטארען זיך דערוויסט אז ער מאכט פליטה האבען זיי איהם נאכגעיאגט און געכאפט אין קאלושקי. פון די דאזיגע זיינע פערפאלגער האט ער זיך אפגעקויפט מיט א פאר טויזענד זל. און איז אוועק ווייטער.

די מאכט האט צושיקט נאך איהם פלוג-בריף.

Dr. med.

HALTRECHT

ספעציעל-ארצט פאר הויט,- געשלעכטס-קראנקהייטען און מענער-שוועכע

פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21

נעהמט אן פון 8 פריה ביז 2 מיטאג און פון 5 ביז 9 אוו. זונטאג פון 10—1 בייטאג. אלע ארט אנאליזען

פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזן

א ספעציעלער ווארטע-זאל פאר פרויען.

אנ'אפטיילונג פון מונדירטע פרויען פאליציאנטקעס אין לאדז

(א) לויט'ן מוסטער ביישפיל פון ווארשע, וואו עס איז שוין, ווי בעוואוסט פארמירט אנ'אפטיילונג פון מונדירטע פרויען-פאליציאנטקעס, זאל אזא אפטיילונג אויך געשאפען ווערען אין לאדז: ביז איצט האבען אין דער פאליציי געארבייט עטליכע פרויען, זיי האבען געפיהרט אנ'אויפזיכטס-ארבייט הויפטזעכליך אין קאמף מיט דער פראסטיטוציע. איצט זאל פארמירט ווערען א גרופע מונדירטע פאליציאנטקעס, וועלכע זאלען האבען די אויפזיכט איבער פרוי און קינד. די גרופע פאליציאנטקעס זאלען ארבייטען צוזאמען מיט די געזעלשאפטליכע קאמיטעטען און שוק-ארגאניזאציעס, וואס האבען אויפזיכט איבער דער פרוי און קינד.

[...]ינסטאג, 28 / ד' [...]בט תרצו

יאנואר

זון-אויפגאנג	7.00
זון-אונטערגאנג	4.14

[...]ערמארגען, דאנער שטאג [...]שטע יאהר-צייט נאכ'ן טויט פון [...]רעד. לאזאר פוקס

[...]ינטיגען דאנערשטאג פאלט אויס דער [...]ער יאהרצייט נאכ'ן טויט פון רעד. [...]אר פוקס.

[...] ביי אלעמען איז פריש אין זכרון די [...]ינע פערזאן פון לאזאר פוקס און זיין ברייט [...]ווייגטע טעטיגקייט אויפ'ן געביט פון דער [...]ער קולטור און זשורנאליסטיק, וועלכע [...]אט זיך אפגעגעבען בלב ונפש.

[...] איז נאך אויך פריש דער טיפער צער, [...] זיין יונגער טויט האט ארויסגערופען אין [...]ייטע קרייזען פון זיינע פריינד און בע[...].

[...]ער אנגעזעהענער ארט אין דער קולטור-[...]קייט פון אונזער שטאט, וואס רעד. [...] פוקס האט מיט כבוד פערנומען ביי זיין [...] איז לעת עתה ליידיג, און קאן נישט [...]לייכט פערטרעטען ווערען.

[...]אנערשטאג, 12 א זייגער בייטאג צום [...]ען יאהרצייט, קומט פאר די ענטהילונג [...]ער מצבה אויף זיין קבר.

[...]ינע נאהענטע פריינד קלויבען זיך אויך [...]אנזשירען אין אניגען קרייז א יאהר-[...]אוהענד געווידמעט זיין אנדענק.

[...]ן דער וואיעוואדזטווע

[...] נעכטען האט איבערגענומען זיין אמט דער [...]עמטער פון לייטער פון דער געזעלשאפטס-[...]ישער אפטיילונג ביי דער וואיעוואדזטווע, [...]פלאמירטער קאפיטאן קאזשימיעזש קאוואלסקי.

נייער צעניק אויף פלייש

[...]א) ווי מען אינפארמירט אונז האט די לאדזער [...]שע סטאראסטווע צוזאמען מיט די פארשטע[...] די פליישער-ארגאניזאציעס פעסטגעשטעלט [...]רייזען אויף פלייש און פלייש-אויסארביי[...].

[...]ויט דעם נייעם צעניק זענען די פרייזען אויף [...] פערקלענערט אויף 10 ביז 20 פראצענט.

צוגאב-פאבאר-קאמיסיע

[...]) היינט, דינסטאג 8 א זייגער אונטערפריה [...]אן צו אמטירען אין לאקאל פון שטאטישען [...]ר-פיורא, פעטריקאווער 165 די צוגאב פא-[...]אמיסיע פאר פ. ק. או. אויף לאדז 2.

[...]דארפען זיך מעלדען די פאבאראווע פון יאהר-[...] 1914 און עלטערע, וועלכע האבען זיך ביז [...] נישט געשטעלט צו די פאבאר-קאמיסיעס, האב-[...]ישט רעגולירט זייער פערהעלטניש צום מיליט-[...]ינסט און וואוינען אויפ'ן שטח פון 1, 4, 6, [...], 12, 13 און 14 פאליציי-קאמיסאריאטען.

אפטייקען.

היינטיגע נאכט - דיזשורען

[...]) היינט בייטאכט דיזשורירען פאלגענדע אפ[...]: מ. קאצפערקעוויטש זגערזשער 54), י. זונ[...]וויטש (פעטריקאווער 25), ס. באיארסקי און [...]אט (פושעיאזד 19), מ. ליפיעץ (פעטריקאווער [...] א. ריכטער און ב. לאבאדא (11 ליסטאפאד [...]יטער (קאפערניקא 26), קלאפטאווסקי (זשגאוו [...]147).

קלאנג-קינא-טעאטער

ZACHETA

זגערזשער 26.

היינט און פאלג. טעג!

[...]ער שענסטער פילם, געלעכטער פון טרעה-[...]רען. רעזשי פון דעם שעפער פון פילם „דער 7-טער הימעל" א. ג.

די בחורים פון קריגס-פלאץ

אויסגעריסען א בלעטעל געשיכטע פון ווירקליכן לעבען. מיליאנען האבן דאס געלעזען, מיליאנען האבען דעם פילם געזעהען. אין די הויפט-ראלען:

Frank Borzege, Luis Wilher

II

פרעכטיגע סעזאן-קאמעדיע אונט. נאמען:

„פירשטין אויף 30 טעג"

אין די הויפט-ראלען:

Sylvia Sidney, Garry Grand

[...]נהויב 4 נאכם. שבת און זונטאג 12 בייטאג.

טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי“
ציגעל-גאַס 27
דיר. דוד צעלמייסטער.
בילעטן פון 11–2 און פון 5 נ"מ אין קאַסע.

געדענקט! לאָזט נישט דורך געלעגענהייט! נאָר נאָר געציילטע טעג
היינט, דינסטאָג, 9 אָוונט
פון 54 גר. ביז 2 זל. 1-טע רייה
יצחק נאָזשיס'ס פריילעכע סאַטירע
צום 56-טען מאָל
תל=אביב
די טעג — פּרעמיערע „סערטיפיקאַטן“

באַרטשינסקי'ס אקוואַרעלען-אויסשטעלונג אין „בני ברית“

אין לאָקאַל פון „בני ברית“ איז געעפנט געוואָרן די אקוואַרעלען-אויסשטעלונג פון דעם בעקאַנטן קונסטמאַלער הענעך באַרטשינסקי.

בסך הכל האָט באַרטשינסקי דאָס מאָל אויסגעשטעלט עטליכע צענדליג קאָלירטע זשאַנער-פּייזאַזשן, געמאָלט מיט וואַסער-פאַרבן און א פּאָר קליינע אייל-בילדער.

וואָס פאַר אַן'אונטערשיד אָבער — פון דעם אַלעם, וואָס עס קומט אונז אָפט אויס צו זעהן אויף די בילדער אויסשטעלונגען אין לאָדז, און וואָס טראָגט דעם שטאָלצן נאָמען „לאָדזער קונסט מאַלעריי“!

דאָס, וואָס עס שלאָגט ממש אין די אויגען ביי באַרטשינסקיס אַרבייטען, און וואָס עס טיילט איהם בפירוש אויס פון יענע „קאָלעגען“, איז דער ווינציגער פּרט, וואָס ער איז אַ אויסגעשפּראָכענער טאַלענט, א קינסטלער מיט א נאַטירליכען שטאַרקען חוש פאַר ציכענונג, פאַרב, פאַקטור א.א. מאַלערישע אַטריבוטען, בעת ביי די אַנדערע האָבן מיר דאָס רוב צו טון מיט בעסערען, אַדער ערגערען דילעטאַנטאַנטום, מענעריש - וויבערישע „ראַבוטקעס“ (האַנד אַרבייט, אינקרוסטאַציעס, פאַר באַלעבאַטישען שטוב-געברויך וכדומה).

העניך באַרטשינסקי איז א רייפער צייטיגער, דערוואַקסענער קינסטלער פון א וועלטליכען מאַסשטאַב, אפילו דאַן ווען ער איז נישט דעצידירט אין דער היגזיכט פון שטיינער און ריכטונג.

זיין גרויס קענען אין דער הינזיכט פון ציכענען און פּאַלעטע-בעניץ, וואָס האָט זיך ביי איהם שוין אַרויסגעוויזען אין זיינע קינדער יאָהרען (שוין מיט אַנ' 18—20 יאָהר צוריק!) ווערט וואָס ווייטער אַלץ מעהר געקרעפטיגט און קאָנדענסירט, ער ווערט לאַקאָנישער און בצמצום'דיגער, שפּאָרעוודיגער, צוריקגעהאַלטענער, און דערמיט — ביי א רענדעל א וואָרט — אויסגעשפּראָכענער.

ביי וועמען פון די לאָדזער מאָלער רעדט אַזוי מיט מאַלעריש - ציכענערישע מיטלען און דערציילט אַזוי פיל אַזאַ קאָלירטער ציכענונג „פאַרמערט פונם פאָלקס-דיכטער הערשעלע“, אָדער, למשל, די „צוויי קליינע טרעגער בילדלעך“.

אויף באַרטשינסקין איז לייכט צו זאָגען און אָהן שום פאַרפעהלט — גוט! ב.

Dr. med. H. LUBICZ
ספּעציאַליסט פאַר הויט, וועגערישע און געשלעכטס-קראַנקהייטען
צעגעלניאַנאַ 7 (פריהער 43), טעלעפאָן 141-32
עמפּפאַנגס-שעה'ן 8-10, 12-2 און 5-8 אָוונט

וויכטיגע בעראַטונג פון געוו. יוד. דעפּוטאַטען און סענאַטאָרען

וועגען דער לאַגע פון די יודען אין פּוילען

זונטאָג, ד. 19-טען יאַנואַר ה. י. איז אין לאָקאַל פון צענטראַל-קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּוילען פאָרגעקומען די בעראַטונג פון די געוועזענע ציוניסטישע און יודישנאַציאָנאַלע דעפּוטאַטען און סענאַטאָרען, וועלכע איז גערופען געוואָרען לויט דער איניציאַטיוו פון ציוניסטישען צענטראַל-קאָמיטעט. די בעראַטונג האָט זיך בעשעפטיגט מיט דער פראַגע וועגען שאַפען אַ רעפּרעזענטאַנץ פונ'ם פּוילישען יודענטום אין צוזאַמענהאַנג מיט דער איצטיגער לאַגע פון דער יודישער בעפעלקערונג.

אין דער בעראַטונג האָבען זיך בעטייליגט פּערזענליך און דורך דירעקטע מיטטיילונגען, פאָלגענדע געוו. יודישע פּאַרלאַמענטאַריער: ד"ר א. אינסלער (לעמבערג), ד"ר מ. ברוידע (לאָדז), אַדוו. א. מ. האַרטגלאַס (וואַרשא), ד"ר י. וויגאָדזקי (ווילנאַ), ד"ר ש. וויינציהער (בענדין), ד"ר י. טהאָן (קראָקא), א. טרוסקער, דיר. א. לעווינזאָן (וואַרשא), אדוו. י. מ. סטוטשינסקי (ווילנא), אינזש. מ. קערנער (וואַרשאַ), ד"ר א. ראָזענבלאַט (לאָדז), ד"ר י. ראָטפעלד (וואַרשאָ), ד"ר י. שיפּער און ד"ר ק. שוואַרץ (לעמבערג).

אין רעזולטאַט פון דער בעראַטונג איז איינשטימיג בעשלאָסען געוואָרען צו רעסטיטואירען דעם צייטווייליגען יודישען נאַציאָנאַל-ראַט. אויף איינע איינע פון די נאָהענטסטע זיצונגען וועט בעהאַנדעלט ווערען די פראַגע וועגען פאַרברייטערן די באַזע פונ'ם נאַציאָנאַל-ראַט דורך איינלאַדען צו דער מיטאַרבייט פאַרשטעהער פון יודישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע שטעהען אויפ'ן נאַציאָנאַלען באָדען. עס איז געוועהלט געוואָרען אַ צייטווייליג פּרעזידיום פון די פּערזאָנען: אדוו. א. מ. האַרטגלאַס ד"ר י. וויגאָדזקי, אינזש. מ. קערנער, און ד"ר א. ראָזענבלאַט. אַלס עהרען-פאָרזיצער איז געוועהלט געוואָרען ד"ר י. טהאָן.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו שאַפען ביים צייטווייליגען יוד. נאַציאָנאַל-ראַט אַ ביוראָ פאַר די אַנגעלעגענהייטען פון דער יודישער בעפעלקערונג. דאָס ביוראָ וועט טעטיג זיין אין לאָקאַל פון ציוג. צ. ק. אין וואַרשאָ (פלאַץ-גזשיבאָווסקי 10). (יט"א)

נישט קיין באַנדיטען-אָנפאַל אויף דער וואוינונג פון אדוו. גאָלדבערג

א גנבה און סימולאַציע פון דער דינסט און איהר געליבטען!

(א) מיט אַ פּאָר טאָג צוריק האָט מען איבעראַל אין לאָדז גערעדט וועגען דעם באַנדיטען אָנפאַל אויף דער וואוינונג פון אַדוו. גאָלדבערג (גדאַנסקאַ 26), וואו די באַנדיטען האָבען געבונדען די דינסט און אַוועקגערויבט פערשידענע זאַכען פאַר אַ 20 טויזענד זל.

די גענויע אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער גאַנצער ענין זעהט גאָר אַנדערש אויס.

דעם פּלאַן אַדורכצופיהרען אַ גנבה און אָנשטעלען די גנבה ווי אַ באַנדיטען אָנפאַל האָבען אויסגעאַרבייט דאָס דינסט מיידעל מאַריאַנא מאַטשאַק און איהר חתן — יוזעף וואַוושיניאַק.

וואַוושיניאַק איז יונגער פון זיין כלה, מיט 10 יאָהר. ער האָט איהר צוגעזאָגט חתונה צו האָבען מיט איהר, ווי באַלד זיי וועלען קומען צו אַביסעל געלד. איז בעשלאָסען געוואָרען צו בעגנבענען די בעל-הבתים, און כדי דער חשד זאָל נישט פאַלען אויפ'ן דינסט-מיידעל — סימולירען אַ באַנדיטען אָנפאַל. וואַוושיניאַק האָט בעקומען פון זיין כלה אַרויסגעגעבען אַלע זאַכען נאָכדעם האָט ער זי געבונדען, צובראָכען די שיפלעדלעך און אַזעק, די אַרויסגעגנבעטע זאַכען האָט ער איבערגעגעבען צו בעהאַלטען דעם פריזיער יוסף שימקעוויטש (לאַגעווניצקאַ 25). דאָרט האָט מען אויך די זאַכען געפונען.

די מאַטשאַק און וואַוושיניאַקען האָט מען אַרעסטירט.

Dr. Wołkowyski
ציגעל=גאַס 11, טעל. 02=238
ספּעצ. פאַר טריפּער, סיפילים און הויט-קראַנקה. בעהאַנדלונג פון מענער-שוועכע
נעמט אָן פון 8—11 ביייטאָג און 4—9 אָוונט.

קליינער פעליעטאָן

די „גרויסע בעדייטונג“

...און אַז איך לייען איבער טשאַרנאָ-נאַ... אַז דער אַלגעמיינער רעזולטאַט איב'ם באָקס... צווישען „הכח“ און וואַוועל" איז ניין-צווי... לעך-זיבען (7:9) לטובת דעם „הכח“ און אַז... האָט אַ גרויסע בעדייטונג — בין... שוין פאָלקאָם צופרידען, און עס טוט מיר... וואַזשנע הנאה, וואָס לא אלמן ישראל, און... דער יודישער כח פונ'ם „הכוח“ איז עפּיס... ווערט, ווי אַ שמעק טאַבעק, וואָס דאָס וואָלט... רבי'לע גיט מיר אַלס סגולה צו קינדער... אָדער צו געווינען אויף אַנ'אַנדער מין אופן... דער לאָטעריע למשל!..

אַז דאָס האָט אַ גרויסע בעדייטונג -... שמיל-שמעלקי — איז דאָך נישט שייך!

דאָס, וואָס די „הכוח“-בחורים האָבען... מעהר געריבען אין פּיסק אריין די „וואַוועל“... קאָן האָבען אַ גרויסע פעולה אויף דער אַלוועלט... פּאָליטיק און אויפ'ן יודענטום-פּראָבלעם אין... לאַנד, פראַנקרייך, פּוילען, טערקיי א. א. ז. ו... הויבט ערשט איצט אָן צו ווערען פאַר מיר... ווען איך נעהם זיך אין זין אַריין דאָס... די מאָרדעס, וואָס מען טוט אונז יעדען טאָג... ביודעים ובלא יודעים, און אויף וועלכע... לייטישע מענשען, מוזען מיר מאַכען אַ... וואָרום מ'קאָן נאָך כאַפּען אַזוי אַנגעריבען די... אַז מ'זאָל שוין פערזאָגען אַ צעהנטען, אָדער... יונגערהייט ווערען אַ ברי'מנן...

ווי זאָגען עס אונזערע גרויסע רעהנער... בעל דרשר'ס: ס'איז גלייכער, אַז מ'וישט... די ליפען און מען שווייגט....

האָסט צו געבען אַ כמאַל אין קיהנבאַק... אָדער קאָנסט דערלאַנגען דעם ריכטיגען פּסוק... טער דער לאָפּעטקע, טאָ טו עס, און מאַך... קיין שהיות...

ווי זאָגט איהר: ס'האָט אַ גרויסע בעדייטונג... משיח וועט צוליב דעם שנעלער קומען... און. איבריגענס, — זאָגט שמיל-שמעלקי... איז דאָס קיין חידוש נישט, וואָס מיר זענען... שטאַרק אינ'ם באָקס-קאַמף! ס'איז — זאָגט... מעשה-טראַדיציע, ס'נעהמט זיך נאָך פון... אבותינו: שוין טויזענדער יאָהרען האָט מען... חמשה-עשר באָקס און פייגען, איז עס אַ... וואָס אונז זענען מיר אויפּטוער אין דער... בראַנזשע!?

שמילשמעלק

אויפ'ן דערנער=וועג

שפּאַנענדער סענסאַציאָנעל-עראטישער ראָמאַן

21)

— איך בין געשלאָפען... כ'האָב נישט געהערט... — האָט דער אלטער געענטפערט, ווישענדיג זיך דאָס בלוט פון מויל.

— וואו איז דיין בעל-הבית?

— ער איז נישטאָ.

— וואו איז ער? — שרייען די זשאַנדאַרמען.

— דו האָסט איהם אויסבעהאַלטען, הא?

— פון וואַנען זאָל איך וויסען, וואו ער איז? ער איז נאָך היינט נישט אַהיימגעקומען...

— נו, נו, מען וועט שוין באַלד זעהען, צי דו זאָגסט אמת די הינטישער זוהן!

די זשאַנדאַרמען האָבען זיך געלאָזט איבער אַלע צימערען. עטליכע האָבען אָנגעקלאַפּט אין שלאָף-צימער.

— ווער איז דאָרט? — האָט זיך געהערט פון אינעווייניג סילוויא'ס דערשראָקענע שטים.

— עפענט! שוין זאָלט איהר די טיר עפענען!

— אָבער ווער איז דאָס?

— זשאַנדאַמעריע.

אין שלאַף-צימער איז א ווילע שטיל געבליבען. די זשאַנדאַרמען האָבען האַסטיג געהאַקט מיט דער קליאַמקע:

— עפענט, אויב נישט וועלען מיר אויפרייסען די טיר!

— באַלד... באַלד... — האָט זיך פון אינעווייניג דערהערט א דערשראָקענע שטים פונ'ם מאַן מיט די שוואַרצע וואָנסען.

סילוויא האָט געוויינט. מיט א שעפּטשענדיגער שטים האָט זי אַ זאָג געטון צו איהר פּאַרטנער.

— דאָס האָט העקאילאַ אונטערגעשיקט זשאַנדאַרמען... ער וויל מיך קאָמפּראָמיטירען... אזא הונט דאָס איז! איך וועל עס איהם נישט פערשווייגען...

בײדע האָבען זיך גענומען שנעל אָנטאָן. נאָכדעם האָט דער מאַן מיט די שוואַרצע וואָנסען אויפגעעפענט די טיר. די זשאַנדאַרמען האָבען זיך אַריינגעריסען אין שלאַף-צימער, זייענדיג זיכער, אַז זיי האָבען געפּאַקט העקאַילאָ'ן, האָבען זיי אַ זאָג געטון צום הער מיט די שוואַרצע וואָנסען, אָנגעמענדיג איהם פאַר העקאילא'ן.

— איהר זענט אַרעסטירט! קומט!

— פאַרוואָס אַרעסטירט איהר מיך? — האָט דער מאַן מיט די שוואַרצע וואָנסען פערוואונדערט און דערשראָקען געפרעגט.

— אין דער פּראָקוראַטור וועט מען אייך שוין זאָגען פאַרוואָס איהר זענט אַרעסטירט, — איז געווען דער ענטפער.

— אָבער מיט וואָס האָב איך זיך פערזינדיגט? — האָט ווייטער געפרעגט דער מאַן מיט די שוואַרצע וואָנסען.

— מיר האָבען בעקומען א בעפעהל אייך צו אַרעסטירען — און פערטיג! פיהרט נישט מיט אונז קיין דעבאַטען און קומט.

— מיינע הערען, דאָס איז א בלבול, דאָס האָט א שלעכטער מענש אויסגעטראַכט א בלבול, — האָט סילוויא זיך געפּרובט אַריינצומישען.

— נישט אייער זאַך, מאַדאַם! — האָט דער עלטסטער פון די זשאַנדאַרמען בייז א זאָג געטון, און ווענדענדיג זיך צו דעם מאַן מיט די שוואַרצע וואָנסען, האָט ער שטרענג בעפוילען: — נו, אָהן שום טענות, קומט, מיר האָבען נישט קיין צייט, מיר האָבען שוין אַזוי אויך גענוג לאַנג געקלאַפּט אין דער טיר, דאָס שטעהט איהר נאָך און וואַרט? וועט איהר נישט געהן, וועלען מיר אייך נעהמען מיט געוואַלד!

— 26. —

זעהענדיג, אַז ער האָט נישט קיין ברירה, האָט דער הער מיט די שוואַרצע וואָנסען זיך געלאָזט געהן מיט די זשאַנדאַרמען.

— דאָס וועט זיך אויפקלערען... דאָס איז א מיספערשטענדניש... — האָט סילוויא איהם געגנומען טרייסטען.

— איך בין זיכער, אַז דאָס האָט ער אָפּגעטון אַזאַ שטיקעל... זאָרג נישט, איך וועל איהם שוין ווייזען. וואָס איך קען...

ווען דער אַלטער לאָקאַי האָט געזעהן, ווי די זשאַנדאַרמען פיהרען אַרויס דעם הער מיט די שוואַרצע וואָנסען, איז ער געבליבען שטעהן מיט ברייט פונאַנדערגעעפענטע אויגען און זיין גאַנץ פּנים איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין איין גרויסען פראַגעצייכען.

— איהם גאָר האָבען זיי גענומען?! — האָט דער אַלטער לאָקאַי געשטוינט. — אַוועלכע נאַראַנים דאָס זענען... א קאָמעדיע דאָס איז!

קומענדיג אין קאַנצעלאַריע פון דער מיליטערישער פּראָקוראַטור, האָבען די זשאַנדאַרמען ערקלערט אַז זיי האָבען געבראַכט דעם הער מאַיאָר העקאילא. דערביי האָבען זיי דערצעהלט, ווי העקאילא האָט זיך אויסבעהאַלטען אין זיין שלאָף-צימער.

— ברענגט איהם אַריין! — האָט דער מיליטערישער פּראָקוראָר בעפוילען.

צוויי זשאַנדאַרמען האָבען אַריינגעפיהרט דעם מאַן מיט די שוואַרצע וואָנסען...

דער פּראָקוראָר, וואָס האָט זעהר גוט געקענט העקאילאַ'ן, האָט געוואָרפען א שטרענגען בליק אויף די צוויי זשאַנדאַרמען.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איהר זאָלט אַריינברענגען דעם מאַיאָר העקאילא! — האָט ער בייז א זאָג געטון.

— מיר האָבען דעם בעפעהל אויסגעפיהרט, אָט איז דער אַרעסטירטער העקאילא.. — האָבען די זשאַנדאַרמען געענטפערט.

— צוויי טייוועל, וואָס טרייבט איהר דאָ פאַר א קאַטאַוועס! — האָט דער מיליטערישער פּראָקוראָר א געשריי געטון. — פיהרט אַריין העקאילא'ן!

די זשאַנדאַרמען האָבען געמיינט, אַז דער פּראָקוראָר האָט פּלוצלונג בעקומען אַנ'אַטאַקע פון משוגעת: וואָס וויל ער פון זיי? ער האָט געהייסען אַריינפיהרען העקאילא'ן, האָבען זיי איהם אַריינגעפיהרט. וואָס זשע בייזערט ער זיך אויף זיי? וואָס וויל ער פון זיי האָבען?

— הער פּראָקוראָר, דאָס איז דאָך דער אַרעסטירטער העקאילא... — האָבען זיי נישט-דרייסט אַרויסגערעדט.

— דאָנערוועטער! — האָט דער פּראָקוראָר א קלאַפּ געטון מיט דער פויסט איבער'ן טיש. — דאָס איז נישט העקאילא, איהר הערט? וואו געפינט זיך דער אַרעסטירטער העקאילא, הא? ענטפערט!

די זשאַנדאַרמען זענען געבליבען שטעהן, אַזוי ווי מען וואָלט זיי פּלוצלינג אָפּגעגאָסען מיט א שעפּעל קאַלט וואַסער.

— וואָס הייסט... הם... — האָבען זיי גע... שטאַמלען. — מיר האָבען דאָך אַרעסטירט... אין וואוינונג זיינער... דעם מאַיאָר העקאילא...

— דעם דאָזיגען הער האָט איהר אַרעסטירט... העקאילא'ס וואוינונג? — האָט דער פּראָקוראָר פרעג געטון. שאַרף אָנקוקענדיג די זשאַנדאַרמען... צי זענט איהר פון זינען אַראָפּ?

— איך האָב זיי באַלד געזאָגט, אַז דאָ... פאַר א מיספערשטענדניש, — האָט זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך דער הער מיט די שוואַרצע וואָנסען.

— איהר שווייגט איצט, — האָט דער פּראָקוראָר אַ זאָג געטון צום מאַן מיט די שוואַרצע וואָנסען, און ווענדענדיג זיך צו די זשאַנדאַרמען, האָט ער פרעג געטון: — נו, ענטפערט, איהר האָט אַרעסטירט דעם דאָזיגען הער אין העקאילא'ס וואוינונג?

— יא... מיר האָבען בעקומען א בעפעהל...

— צי ווייסט איהר, אַז דאָס איז נישט מאַיאָר העקאילא?!

— מיר זענען זיכער געווען, אַז דאָס איז מאַיאָר... דער דאָזיגער הער איז געווען פאַרשלאָסען אין שלאַף-צימער מיט א פרוי, זענען מיר געווען זיכער, אַז דאָס בעהאַלט זיך העקאילא דאָרט... מיר האָבען נישט געפרעגט אויף קיין נאָמען... מיר זענען געווען זיכער, אַז דאָס איז העקאילא... — האָבען די זשאַנדאַרמען זיך גענומען פערענטפערען, איינזעהענדיג זייער טעות.

— אַ'רויס פון דאַנען, איהר דומקעפּ! — האָט דער מיליטערישער פּראָקוראָר א געשריי געטון.

דער גאַנצער טעות האָט זיך באַלד אַרויסגעזען. דער מאַן מיט די שוואַרצע וואָנסען איז בעפרייט געוואָרען. ער איז אוועק צו סילוויא איהר דערצעהלט, אַז די זשאַנדאַמעריע האָט געהאַט אַ בעפעהל צו אַרעסטירען העקאילאַ'ן.

— אַזוי גאָר? — האָט סילוויא דערשראָקען געפרעגט, מורא האָבענדיג, אַז מען זאָל נישט אַרעסטירען אלס העקאילא'ס געליבטע.

די פּראָקוראַטור האָט אַרויסגעשיקט א בעפעהל איבער'ן גאַנצען לאַנד צו אַרעסטירען העקאילא, אָבער ער איז פערשוואונדען ווי אין וואַסער און סיי די מיליטערישע און סיי די פּאָליציי... האָבען בשום אופן נישט געקענט דערגעהען... געפינט זיך.

(פאָרטזעצונג קומט)

דער אפגעשאפטער פאר. 54 און די איצטיגע שטייער־אויסמעסטונגען

רעפעראט פון אדוו. מארגוליעס אין צענטר. סוחרים־פעראיין (פעטריק. 10)

טען אווענד איז אין צענטראלען סוחרים־
ין (פעטריק. 10) פארגעקומען א רעפעראט פון
מארגאליס פון ווארשא.
ר רעפערענט, וועלכער איז דער יורידישער
נער פון צענטראלען סוחרים - פעראיין אין
א, איז א גרויסער מומחה אין שטייער־ענינים.
ופעראט א.ד.ט. „די לעצטע ענדערונגען אין די
ר־פארשריפטען", האט צוגעצויגען א גרויסע
מיטגלידער.
ר רעפערענט האט קודם כל בעריהרט דעם
ר־רעפארם אין אנדערע לענדער, און איז אי־
גאנגען צו דעם שטייער־פראבלעם ביי אונז,
ויילען.
ך אנאליזירענדיג בעלויכטען די פונקטען פון
שטייער־ארדינאציע פון אקטאבער 1934, און
די לעצטע ענדערונגען וועגען אפרופען די
נים - קאמיסיעס, שטעלט זיך דער רעפערענט
ערס אפ אויף דעם אפשאפען פון פאר. 54
וועדיג, אז די שטייער־מאכט האט זיך אליין
ציינט, אז דאס לעגיטימירען די קונים און דער
צו פערשרייבען נעמען פון יעדען קונה אין
אנדעלס־ביכער, איז געווען אן אומזין און האט
ם א זעהר שלעכטע ווירקונג אויפ'ן האנדעל.
ר האט די שטייער־מאכט איינגעפיהרט א נייע
עזונגס־באזע. די באזע אויפ'ן אומזאץ־שטייער
פון איצט אן זיין דער רעמאנענט. לויט'ן רע־
ט וועט מען אויסמעסטען דעם אומזאץ־שטייער

פאר פאבריקאנטען וועט אפילו זיין מאסגעבענד דער פערברויך פון עלעקטרישע קראפט — לויט דעם וועט מען „שאצען" דעם אומזאץ פאר פאבריקאנטען. די דאזיגע באזע איז פיקציע, ביז איצט איז מען געגאנגען פון פערמעגען צום אומזאץ, איצט געהט מען פון אומזאץ צום פערמעגען.

אין זיין ווייטערדיגען רעפעראט, שטעלט זיך דער רעפערענט אפ אויף די הארבע שטראפען, וואס ווערען איצט פארגעזעהן פאר סוחרים, וואס וועלען אויסגעבען נישט קיין ריכטיגע „זעגאנטיעס". דער רעפערענט בעמערקט, אז די אויפגאבע פון די ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס איז, צו פארהערן, אז דער אוסטאוו וועגען שטייער־שטראפען זאל רעווידירט ווערען אזוי, אז ס'זאלען נישט בעדראהט ווערען דאס ווירטשאפטליכע לעבען.

דער רעפעראט איז פון פערזאמעלטען עולם אויסגעהערט געווארען מיט גרויס אויפמערקזאמקייט, און נאך דעם ווי ס'ווערען דעם רעפערענט געשטעלט אייניגע פראגען, דאנקט פרעזעס יאשונסקי דעם רעפערענט און שליסט די פערזאמלונג.

פון צענטר. יוד. האנדווערקער־פערבאנד

פילסודסקיעגא 69

דער צענטראלער יודישער האנדווערקער־פערבאנד מאכט אויפמערקזאם אלע האנדווערקער און קליינאינדוסטריעלער, אז נאך אינפארמאציעס וועגען די לעצטע פעראָרדנונגען און דעקרעטען ווי וועגען דירה־געלד, לאקאל און הכנסה־שטייער, אמנעסטיע און אנדערע, דארף מען זיך ווענדען אין קאנצעלאריע פון פערבאנד טעגליך אין די אמט־שעה'ן.

אויסערדעם דיזשורירען דריי מאל אין דער וואך די פעראיינס־אדוואקאטען, וועלכע ערטיילען יורידישע עצות.

גלייכצייטיג ווערט געמאלדען, אז לויט אנ'אויפקלערונג פון דער פינאנץ־מאכט, זענען שטראפען פאר נישט בעזיצען קיין נעהעריגען פאטענט ארויסגענומען פון אונטער די אמנעסטיעס און אזעלכע שטראפען קענען דורך די שטייער־אמטען איינגעמאהנט ווערען.

פון קאפעלושמאכער־צעך.

אויף די לעצטע זיצונגען פון קאפעלושמאכער־צעך איז בעטראכט געווארען די פראגע רעארגאניזאציע פון צעך.

עס איז בעשלאסען געווארען צוצוטרעטען צו ענטוויקלען א נעהעריגע טעטיגקייט אויפ'ן געביט צו פערבעסערן די לאגע פון דעם פאך.

ווי עס ווייזט זיך ארויס זענען אלע דיפלאמירטע מייסטער - מיטגלידער אין צעך. די פראגע פון לעגאליזירען די לערניונגלעך איז אויף א גוטען וועג, דאס זעלבע איז אויך מיט די געזעלען - עקזאמענס.

עס איז בעשלאסען געווארען צוצוטרעטען אדורכצופיהרען בקרוב אלגעמיינע פערזאמלונגען פון צעך

פון היטעלמאכער־צעך.

לעצטענס איז פארגעקומען א מאסען־פערזאמלונג פון אלע לאדזער היטעלמאכער.

די פערזאמלונג עפענט דער סטארשי פון צעך ה' בארטמאן און ערקלערט דעם ציל פון דער פערזאמלונג. אין דער ערשטער רייה ווייזט דער פארזיצער אן אויף דער אויסערגעוועהנליכער שעדליכער קאנקורענץ, וואס ווערט געפיהרט אין פאך. נאך געפעהרליכער איז די קאנקורענץ, וואס ווערט געפיהרט מצד די היטעלמאכער פון דער פראווינץ, וועלכע ארבייטען פאר גראשענס.

די פערזאמלונג דארף אויסגעפינען דעם אויסוועג ווי אזוי צו פערבעסערן די לאגע.

די דיסקוסיע ארום דער פראגע האט געגעבען פאלגענדע בעשלוסען. צו רופען א צוזאמענפאהר פון די היטעלמאכער פון דער גאנצער לאדזער וואיעוואדזטווא. די פערזאמלונג האט זיך וועגען דעם צוזאמענפאהר זיך אויך פערשטענדיגט מיט די פארשטעהער פון צעכען פון די גרעסערע שטעט אויך פון אנדערע וואיעוואדזטוועס.

פון דעם ווארשאווער היטעלמאכער־צעך איז שוין געקומען זייער הסכמה אנטיילצונעהמען און ארגאניזירען פון צוזאמענפאהר.

עס ווערען געשאפען בעזונדערע סעקציעס פון די בעזונדערע צווייגען, ווי למשל: היטעלמאכער, וואס ארבייטען אויף אייגענעם חשבון און פערקויפען זייערע אויסארבייטונגען אין פויזנער און פאמערן געביט, האנדלען אויף מערק ארבייטען אויף לוין, יודישע היטלעך־מאכער א. א.

די פערוואלטונג פון צעך איז אויך צוגעטרעטען צום קומענדען סעזאן אנצונעהמען די נעהעריגע מיטלען אויסצובעסערן די לאגע פון פאך, דעה ביי איז בעשלאסען געווארען לגבי די שטערער אנצונעהמען די שארפסטע מיטלען אום נישט צו דערלאזען צוצוברעכען די עקזיסטענץ פון היטעלמאכער פאך.

פון שויבען־גלעזער פעראיין.

אונטערן פארזיץ פון פרעזעס ה' ליטמאן פריש איז דאנערשטאג פארגעקומען אין לאקאל פון דער צענטראלע די אלגעמיינע פערזאמלונג פון שויבען־גלעזער פעראיין.

דער פעראיין איז ביז איצט א געמישטער, יודען און קריסטען. אויף דער פערזאמלונג האט זיך ארויס געוויזען, אז צוליב דעם, וואס דורך דער גאנצער צייט, וואס געהערען צום פעראיין פון די קריסטען זענען בסתר פארגעקומען רייבונגען, וואס האבען געשטערט אין דער ארבייט. דער בעשטאנד האט בעוואויגען די יודישע פארשטעהער אין דער פערוואלטונג פארצולעגען אפצוטיילען די קריסטליכע גלעזער פון פעראיין און האבען פארגעלעגט, אז די קריסטען זאלען זיך טרענען אנ'אייגענעם פעראיין און ביידע פערוואלטונגען וועלען אין ווירטשאפטליכע פראגען צוזאמען ארבייטען.

דער פארשלאג איז צייטווייליג דורך די פערזאמלונג אפגעלעגט געווארען.

נאכ'ן אפגעבען דעם בעריכט איז אויסגעוועהלט געווארען א נייע פערוואלטונג פון פעראיין.

די פערזאמלונג האט בעשלאסען צוליב דעם, וואס די סטאטוטען, וואס דער פעראיין בעזיצט זענען פערעלטערט און אויך אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס דאס אינדוסטריע - געזעץ האט אפגעטיילט די שויבען גלעזער פון די אנדערע — אויסצוארבייטען נייע סטאטוטען, וואס זאלען זיין צוגעפאסט צו די נייע בעדינגונגען און אינטערעסען פון שויבען־גלעזער פאך.

אקציע לטובת דעם „דובנאוו־פאנד" אין לאדז

אין לאדז וויילט איצט אין די ענינים פון
איר־פאנד" א. קיהן פון פאריז און לעא פיב־
יין פון ווארשא, זיי ענטוויקלען אין לאדז
יטע אקציע פון ווערבירען אבאנענטען פאר
רויסער אלגעמיינער ענציקלאפעדיע אין יודיש.
אין שייכות מיט דער אקציע וועט פארקומען
נצע רייה קאנפערענצען מיט יודישע קולטור־
עס איז צו האפען, אז די יודישע געזעלשאפט
אדז וועט ארויסווייזען דעם גיטיגען אינטערעס
פאר דאזיגער זעהר וויכטיגער אקציע.

גרויסע פערזאמלונג פון סוועטער־מאכער

נעכטען איז אין לאקאל פון צענטראלען
ווערקער־פערבאנד פארגעקומען א גרויסע פער־
ונג פון סוועטער־מאכער, אויף וועלכער ס'איז
דכט געווארען די פראגע וועגען דער געשע־
ר לאגע אין דעם פאך צוליב דער האנדלונג
ועם פעראיין פון סוועטער־נייהער.
אין דער דיסקוסיע האבען זיך בעטייליגט
נצע רייה רעדנער און ס'זענען אנגענומען גע־
ן ענטשפרעכענדע רעזאלוציעס.

ניזיר־טעטיגקייט פון „ארט"

די יודישע קאלאניעס אין פוילען

י געזעלשאפט „ארט" איז צוגעטראטען צו אר־
ירען אין די יודישע קאלאניעס אויף וואלין
פאלעסיע לאנדווירטשאפטליכע קרייזלעך. די
אבע פון די קרייזלעך דארף זיין צו קאארדי־
די אנשטרענגונגען פון די לאנדווירטען גופא
געביט פון הויבען דעם ווירטשאפטליכען און
ורעלען ניוואו פון יודישען דארף.
פארשטעהער פון צ. ק. פון „ארט" האט אויך
טרעטען א קאנטאקט מיט די קרייז אגראנאמען,
צו געווינען פאר די יודישע לאנדווירטען פאכ־
טע און פינאנציעלע הילף מצד די מלוכהשע און
זעלבסטפערוואלטונגס ארגאנען.
יניגע פון די אויבענדערמאנטע יודישע קא־
ס האט שוין גענאסען פון די הויך־יאהריגע מלו־
ע קרעדיטען אונטערן משכון פון תבואה.

KINO TEATR
MIRAŻ
11 LISTOPADA 16
היינט און פאלג. טעג!
די פרעהליכסטע און שעהנסטע ווינער
קאמעדיע, עסטרייכישע פראדוקציע א. ג.
דאס ליבע
מענער צ
אין די הויפטראלען:
SZOKE SZAKALL,
ERNEST VEREBES
TIBOR V. HALMAY
אויסערן פראגראם:
קלאנג־צוגאבען פון Paramount
און P.A.T.

די אפדרוקען פון פינגער האבען איהם פערראטען

דעם 3 יוני 1934 האבען זיך אין דער וואוינונג פון משה פאצאנאווסקי (פאמארסקא 19) אריינגעכאפט גנבים און ארויסגעגנב'עט פערשידענע זאכען פאר 8000 זל. די גנבים האבען איבערגעלאזט אפדרוקען פון די פינגער, לויט וועלכע עס איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז דאס „שטיקעל ארבייט" האבען אפגעטאן אהרן דאבריש (פון העלענובעק) און ארון קליינמאן (אנדזשעיא 25), ווייטער איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז אין דער גנבה האט אויך אנטייל גענומען א געוויסער אברהם מאיר זולפערשטיין.

צוערשט האבען זיך די אנגעקלאגטע נישט מודה געווען צו דער גנבה, נאכדעם אבער, ווי די דאקטילאסקאפישע עקספערטיזע האט בעוויזען, אז די אפדרוקען פון די הענט זענען זייערע, האבען זיי זיך מודה געווען.

אין דער צייט פון דער אויספארשונג איז זילבערשטיין געשטארבען און זיין פראצעס איז אנולירט געווארען.

דאבריש און קליינמאן זענען געזעסען אויף דער בעשולדיגונגס־באנק אין קרייז־געריכט.

דאס געריכט האט פערמשפט דעם 27־יעהריגען אהרן דאבריש אויף 1½ יאהר טורמע און 25־יעהריגען ארון קליינמאן אויף 1 יאהר טורמע.

צושלאגען אקציז־אגענטען און בעקומען 8 חדשים טורמע

(א) צוויי קאנטראלירען פון אקציז: פרידריך טאקארסקי און אנטאני ביאלאס האבען בעת אנ־אבסערוואציע אין זגערזש אויפ'ן מארק, בעמערקט, אז א געוויסער באלעסלאוו יאצקאווסקי גיסט איבער בראנפען פון א גרויסער פלאש אין קליינע פלעשעלעך און פערקויפט זיי. די אקציז־קאנטראלערען האבען געוואלט קאנפיסקירען דעם בראנפען. יאצקאוסקי האט אבער געשטעלט א ווידערשטאנד און די אקציזניקעס צושלאגען.

דאס קרייז־געריכט האט נעכטען פערמשפט יאצקאוסקי'ן אויף 8 חדשים טורמע.

ארעסטירט דשווינדלערס

(א) אויף נאוואמיעסקא גאס האט מען פערהאלטען צוויי געשיקטע שווינדלער: וואצלאוו קוכארסקי (אוזשענדניטשא 28) און יאן קלאמקא (דזוארסקא 28).

די געשיקטע חברה־לייט האבען אין די פלעשער פון די פירמעס "שטאק" און „יונקעלהארנען" אריינגעגאסען עפעס א פערדעכטיגע פליסיגקייט און פערהאנדלט אזוי ווי די ריכטיגע קאניאק פלעשער פון די אויבענדערמאהנטע פירמעס. דעם דאזיגען „קאניאק" האבען זיי פערקויפט שפאטביליג, אנגעבענדיג, אז דעם קאניאק פערקויפען זיי ביליג ווייל ער שטאמט פון די פירמעס אונלעגאל.

דערווייל האט מען די צוויי סוחרים „לעגאל" איבערגעגעבען דער געריכטס־מאכט.

געווען א יוד אזא אין לאדז...

אויפ'ן פרישען קבר פון ר' מאיר פאנער נ"ע

(ב.) געווען א יוד אזא אין לאדז — א העברעאישער שריפטשטעלער פון אלטען משכילישען שניט, וואס האט זיך געקוויקט מיט איטליכען העברעאישען און יודישען געדרוקטען וואָרט — א יוד אזא, וואס 40 יאהר פון זיין לעבען האט ער אפגעוואוינט אין לאדז, אין דער אטמאספער פון געשעפטמעסיגקייט, ראציאנעלער זאכליכקייט, אין דער „לופט" פון קאמגארן און וועקסלען, און דערביי אהבת נפש ליב געהאט צוויי זאכען — דאס בוך און דעם מענש...

געווען א יוד אזא אין לאדז, וואס איז כל ימיו געווען פערליבט און האט פערגעטערט: דעם תנ"ך און — שעקספירן, וואס פאר איהם איז גאר קיין שענערס און קיין בעסערס פון זיי נישט געווען אויף דער וועלט.

אלדאס־איבריגע איז פאר איהם געווען „פיזעם" גארנישט־מיט־גארנישט, הבל הבלים — די אלע אויסברוכען פון קנאה־שנאה, דער קאמף פון ליידען און ליידענשאפטען, די פערמעסטונג פון רייך און ארעם — אלץ אייטעל נארישקייטען, א פרוטה נישט ווערט —

געווען אן אויסטערלישער יוד אזא אין לאדז, וואס זיינע גרויסע שווארצע, דורך א מאדנער ווי־טאליטעט־בעלעבטע אויגען האבען געגלאנצט מיט אנ'אייביגען יודיש־טרויעריגען שלהבת־יה —

געווען אזא מערקווירדיג־איינזאמער יוד אין לאדז, וואס האט א לאנגען לעבען אדורכגעמאכט אין א שטילער צוריקגעהאלטענקייט, און קיינער האט נישט געוואוסט, פון וואס אזא יוד לעבט. ווי־אזוי ער לעבט —

איינזאם געלעבט און איינזאם אוועק.

* * *

דער שריפטשטעלער און דראמאטורג, מאיר פאנער איז געבוירען געווארען אינ'ם שטעטעל בראנסק־פאדלאסקי, גראדנער גובערניע, אין יאהר 1853 (זאת חנוכה.)

די עלטערען זיינע זענען געווען חסידיש געאיען, און דער ברודער זיינע איז אפילו געווען א קאצקער חסיד.

מאיר פאנער האט בעקומען א טראדיציאנעלע יודישע דערציהונג אין פערשידענע חדרים, און צו 10 יאהר האט ער שוין געלערנט אליין פאר זיך אין בית מד'. דאן שוין פלעגט ער די רביים זיינע שטעלען אין גרויס פערלעגענהייט דורך זיינע אומגעריכטע דרייסטע פראגען און הארבע קשיות.

צו 12 יאהר איז ער צופוס אוועק לערנען אין דער „גרויסער וועלט", און לערנען 15 שעה כסדר אין מעת לעת איז ביי איהם געווען א טפל.

אזוי האט ער אין זיין פריהעסטער יוגענד ארומגעוואנדערט פון בראנסק קיין ביאליסטאק, פון ביאליסטאק קיין פינסק, דערנאך — פאדאלסק ביז בעסאראביע, און פון דארט אין קרים, וואו ער האט אין גראס־באזאר געלערנט ביי דעם דארטיגען ספרדישען גאון יחזקיהו מדיני.

נישט געפינענדיג דארט, וואס ער האט מיט זיין דורשטיגער נשמה געזוכט, איז ער צוריק אוועק צופוס קיין ביאליסטאק.

קיין לאדז איז ער געקומען מיט אנ'ערך 40 יאהר צוריק, מיטברענגענדיג מיט זיך אין כתבים זיין ערשט ווערק — „יוסף דילה ריינה" (א דראמע אין 5 אקטען, אין פערזען — שפעטער אין המשכים געדרוקט אין „המליץ").

אין לאדז האט ער זיך פערנומען מיט לעהרעריי און איז אויך געווען טעטיג שריפטשטעלעריש. ער האט אנגעשריבען און אפגעדרוקט אויף אייגענעם חשבון די 4־אקטיגע דראמע „יית צלי", דערנאך די „הורדוס"־טרילאגיע און צום סוף די דראמע „יונה בן אמתי".

איין דראמע זיינע איז געבליבען אין כתב יד, וועלכע ער האט געגארט אפצודרוקען אין א"י.

* * *

נעכטען 2 א זייגער בייטאג איז פארגעקומען זיין לויה. עס האבען איהם מספיד געווען: דער דיכטער יצחק קאצענעלסאן, משה לימאן און חזן דרעטשינסקי. הזכרות האבען געמאכט די חזנים: ביי און ליאוויטש.

Dr. med. L. Berman
צעגעלניאנא 15, טעל. 149-07
ספעציעל־ארצט פאר מענער - שוועכע־בע־
האנדלונג און סעקסועלע בעראטונג
נעמט אן פון 8—11 און פון 4—8 אווענד.
זונטאג פון 9—1 פארמיטאג

Doktór
Henrykowski
ספעציעל - ארצט פאר מענער - שוועכע־
בעהאנדלונג און סעקסועלע בעראטונג
טראוגוטא 9, טעל. 262-98
נעמט אן פון 8—11 און פון 6—9 אווענד.
זונטאג פון 9 פריה ביז 12.30 בייטאג

קאָרטעז־וואָרפעז, וואָהר־זאָגעז
(קאָרטי סטאַוויטש, פאַוורוזשיטש, פּאַניענקי...

(א) אַ ציגיינערין, אַ וואָהרזאָגערין, האָט זיך אָנגעטשעפּעט אין דער לאָקאַטאָרקע פֿון הויז אויף באַנקאָוואַ 15, סטאַניסלאַוואַ זשעלינסקאַ, אַז זי וויל איהר דוקא קאָרטען וואַרפֿן און וואָהר־זאָגען.

דעם גאַנצען אמת זאָגענדיג, האָט זיך די זשעלינסקאַ נישט געקאָנט אָפּטשעפּען פֿון דער ציגיינערין און זי אַריינגעלאָזט אין שטוב.

אין אַ געוויסען מאָמענט, ווען די זשעלינסקאַ האָט זיך אויף אַ מאָמענט אַוועקגעדרייט, האָט די ציגיינערין אַראָפּגענומען פֿון טיש אַ גאָלדענעם זייגער און אַ פּאָרטמאָנעטקע מיט 60 זל. און שנעל פֿערלאָזט די שטוב. די געליטענע זשעלינסקאַ האָט מעגען דעם אַלעם מיטגעטיילט דער פּאָליציי.

בעפאַלעז אויף דער גאַס

(א) אויף זשוירקע־גאַס איז בעפֿאַלען געוואָרען דורך אומבעקאַנטע דער 37־יאָהריגער לודוויק שטילער (זשוירקע 14). שטילער האָט בעקומען עטליכע וואונדען מיט אַ מעסער אין דער זייט און אין דער ברוסט. די פּאָגאָטאָוויע האָט איהם אין אַ שווערען צושטאַנד אָפּגעפֿיהרט אין שפּיטאָל. די אַנפֿאַלער זענען ענטלאָפֿען.

אונטערן טראַמוואַי

(א) אויף רעימאָנט־פּלאַץ איז אַרונטערגעפֿאַלען אונטער'ן טראַמוואַי די 51־יעהריגע קאָנסטאַנציאַ גראָסמאַן (פּשענדזעלניאַנאַ 71) און צובראָכען אַ פֿוס און בעקומען שווערע וואונדען אויפ'ן קעפּער. אין אַ שווערען צושטאַנד האָט מען זי אָפּגעפֿיהרט אין שפּיטאָל.

שרפות

(א) אויף קילינסקיעגאָ גאַס 96 האָט אין הויז וואָס געהערט צו דער געזעלשאַפֿט „פּשעזאָרגאָשטש" אויסגעבראָכען אַ שרפה. די דריטע פֿייערלעשער־אָפּטיילונג האָט דאָס פֿייער איינגעלאָשן.

(א) אין קעהלער ביי יצחק בייגעלמאַן (ציגעלגאַס 20) האָט צוליב'ן אונפֿאָרזיכטיגען בעגעהן זיך מיט פֿייער, אויסגעבראָכען אַ שרפה. די צווייטע אָפּטיילונג פֿון די פֿייערלעשער האָט דאָס פֿייער באַלד איינגעלאָשען.

ווער האָט פערלוירעז?

(א) אין 7 פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט געפֿינט זיך אַ געפֿונענע פּאָרטמאַנעטקע מיט פֿערשידענע זאַכען, מען קאָן עס אָפּנעהמען אין קאָמיסאַריאַט לויט אָנגעגעבענע סמנים.

אַ דינסט אַריינגעפיהרט גנבים אין שטוב אַריין

(א) אין דער נאַכט פֿון 11 אָקטאָבער 1933 האָבען זיך אין דער וואוינונג פֿון פראַנצישעק שוויאָנטעק (בעם גאַס 39) אַריינגעכאַפּט גנבים און אַרויסגעטראָגען פֿערשידענע זאַכען אויף 4000 זל.

בעת דער אויספֿאָרשונג איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז דאָס דינסטמיידעל, די 43־יעהריגע לעאָקאַדיע ווראָנסקאַ, האָט זיך מיט אַ טאָג צופֿריהער געדונגען פֿאַרן הויז מיט עפּעס צוויי פֿערדעכטיגע יונגעליים. אונטער אַ קרייזפֿערהער האָט די ווראָנסקאַ זיך מודה געווען, אַז זי האָט זיך ווירקליך געטראָפֿען מיט דעם 24־יעהריגען וואַצלאַוו שוויעטאַש און נאָך מיט איינעם, אַ געוויסען וואַשיק, וועלכע זי האָט אַריינגעפֿיהרט אין דער דירה און געוויזען, וואָס און ווי אַזוי מען קען די בעל־הבתים בעגנב'ענען. פֿאַר איהר מיטהילף האָט זי בעקומען 20 זל.

נעכטען איז דאָס גאַנצע דרייעדיגע געשטאַנען פֿאַר'ן קרייז־געריכט, וואַשיאַק טענה'ט, אַז ער האָט ווענען גאַנצען פּלאַן פֿון דער גנבה גאָרנישט געוואוסט.

דאָס געריכט האָט פֿערמשפּט שוויעטאַשען אויף 3 יאָהר טורמע, די ווראָנסקאַ אויף 2 יאָהר און וואַשיאַק'ן צוליב מאַנגעל אין בעווייזען פֿון זיין שולד — פֿריגעשפּראָכען.

עס פליהען פאַטעלניעס...
געשלעג צווישען שכנות

(א) אויף ניזקאַ גאַס 29 איז ענטשטאַנען אַ געשלעג צווישען די שכנות אַננאַ פֿרידעריסיאַק און לודוויקאַ זאַיאָנטשקעוויטש. די פֿרידעריסיאַק האָט אין אַ געוויסען מאָמענט אַראָפּגעכאַפּט אַ הייסע פּאַטעלניע פֿון דער קיך און דערלאַנגט מיט איהר דער געגנערין. אַ שווער־אָפּגעבריהטע האָט מען די זאַיאָנטשקעוויטש אָפּגעפֿיהרט אין שפּיטאָל. די פֿרידעריסיאַק האָט מען אַרעסטירט.

זעלבסטמאָרד פרוב

(א) אויף מיאָדאָוואַ 15 האָט געפּרובט בעגעהן זעלבסטמאָרד דער 35־יעהריגער הענריק גוואָזשדזש.

פון הונגער

(א) אויף לעאָנאַרד פּלאַץ איז אַוועקגעפֿאַלען, אָפּגעשוואַכט פֿון הונגער, דער 52 יעהריגער היימלאָזער און אַרבייטסלאָזער יוזעף קושקעוויטש.

מען האָט איהם אָפּגעפֿיהרט אין שפּיטאָל.

אונטער די רעדער פון א לאַסט־וואַגאָן

(א) אויף פּאַביאַניצער גאַס איז אַרונטערגעפֿאַלען אונטער די רעדער פֿון אַ לאַסט־וואָגען דער 15־יעהריגער סטעפֿאַן מאַטשערשיק (שאַ"אַ 29). ער האָט בעקומען אַלגעמיינע וואונדען פֿון קערפּער און איבערגעבראָכען ביידע פֿיס. אין אַ שווערען צושטאַנד האָט די פּאָגאָטאָוויע דעם אומגליקליכען אָפּגעפֿיהרט אין שפּיטאָל.

אומגליק ביי דער אַרבייט

(א) אין דער פֿאַבריק פֿון טאַבאַק־מאָנאָפּאָל אויף קאָפּערניקאַ גאַס 62 האָט עס ביים טרייבען די מאַשין אָפּגעריסען ביים אַרביטער סטאַניסלאַו קרופּצע (מאַלטשעווסקי 21) עטליכע פֿינגער פֿון האַנד.

מען האָט דעם פֿערוואונדעטען אָפּגעפֿיהרט אין שפּיטאָל.

גנבות

(א) אין דער וואוינונג ביי זאָפֿיאַ ריבאָווסקאַ (שענקעוויטשאַ 13) האָבען זיך אַריינגעכאַפּט גנבים און אַרויסגעטראָגען פֿערשידענע קליידונג און וועש פֿאַר 1000 זל.

ביי מיכאַלינא ציבולסקאַ (מאַרינאַרסקאַ 8), האָט מען אַרויסגעגנב'עט פֿערשידענע זאַכען פֿאַר 800 זל.

פון דער לאָדזער בערזע

באַנק פּאָלסקי — — — —	97.50
3 פּראָצ. בוד.	27,00
4 „ דאָלאַרובקאַ —	52.90
7 „ סטאַביליזאַציע (אמ.)	62.00
5 „ וואַרשאַווער ס.ב. 1934	55.25
5 „ לאָדזער „	49.00
ענגלישער פֿונט — — —	26.24
דאָלאַר אָפֿיצ. — 5.25. נישט־אָפֿיציעל —	5.23
גאָלד־דאָלאַר — — —	9.05
גאָלד־רובל — — — —	4.80
דייטשער מאַרק — — —	1.32
פראַנק שווייצאַרישע — —	172,55

Dr. REICHER
פּאָלודניאָווא 28, טעל. 201-93
ספעציאַליסט
פֿאַר מענער - שוועכע - בעהאַנדלונג
סעקסועלע בעראַטונגען פֿון פּסיכאָ - אַנאַליזען
נעמט אָן פֿון 8—11 פֿון 5—8 אָוונד,
זונטאָג און חגאות פֿון 9—1

מוזיקאַלישע נאָטיצ[ן]

צווייטער גינצבורג קאָנצע[רט]

מיט'ן צווייטען קאָנצערט האָט גינצבור[ג] ענדיגט דעם ציקל־קאָנצערטען פֿון די ר[...] קינסטלער.

ס'איז איבעריג צו נאָטירען, אַז מיטן צ[...] קאָנצערט האָט דער געניאַלער קינסטלער אַר[...] רופֿען ענטוזיאַזם ביים עולם נישט ווייניג[ער] ביים ערשטען קאָנצערט, הערפֿאַר ווע[לען] בענוגענען ציטירענדיג אַ פּאָר שטעלען וו[אָס] האָבען געשריבען נאָכן ערשטען קאָנצערט, וו[...] ראַקטעריזירט אַמבּולטסטען די הויך־קונס[ט] הויכט אַרויס פֿון אַזאַ קינסטלערישע נשמה ווי [...] גינצבורג.

באַך — האָבען מיר געשריבען — קומ[...] ריכטיגען אויסדרוק דורך די מייסטער[...] פֿון אַזאַ קינסטלער ווי גינצבורג, אַ ים מיט[...] גען האָבען מיר געהערט אין „פּרעלודיום[...] „פֿוגע". דאָס איז נישט ווי מ'זאָגט: „עס [...] ווי אַן אָרגעל", דאָס זענען ממשותדיגע [...] קלאַנגען, און צי קען מען זיך פֿאָרשטעלען [...] קונג ווען אַ קלאַוויר ווירטואָז בעקומט אַרו[יס] בלויז אַ קלאַוויר אָרגעל קלאַנגען?...

און די פּאַרטיטורא שטעלען האָט מ[...] קלונגען דער קלאַוויר ווי אַ צעבראָויזטער [...] וואָס פֿאַר אַ קאָנטראַסט! און די „פּיאַניס[...] שטעלען האָט עס געגלעט מיט סאַמעט ווייכ[...] נער, וועלכע בעפֿרידיגען און בערוהיגען [...] העכסטען גראַד, ווי עס קענען נאָר בע[...] און גלעטען ווייך־עלאַסטישע פֿרויען פֿינג[ער].

דאָס איז געווען ביי באַך'ן אויפֿן ערשטען [קאָנ]צערט, דאָס זעלבע מוז מען אויך זאָגען אויפ[...] מען קאָנצערט ווען דער קינסטלער האָט גע[...] בעטהאָווענס „אַפּאַסיאָנאַטאַ", אויך דאָ האָט [...] פּרוּווט אַ ים אין די „פֿאָרטע" שטעלען; אי[...] האָבען באַלד דערויף בערוהיגט ווייכע, צאַרט[...] נער אין „פּיאַנאָ"; אויך דאָ האָט געשוועב[ט] בער דער קאָמפּאָזיציע בעטהאָווענס גייסט.

אין אַלע אַנדערע קאָמפּאָזיציעס וואָס דע[...] סער יודישער קינסטלער האָט געשפּילט : ווי [...] מאָ־גאַהאָווסקי, ראַוועל, שופּערט, ליסט א.א. [...] די ריינסטע מוזיק־קונסט בעהערשט אַלעמענס [...] צער און געמיטער אַרויסרופֿענדיג די בעסטע [...] ליכע געפֿיהלען, וואָס איז נאָר אימשטאַנד אַר[...] צורופֿען אַזאַ קינסטלערישע אינטערפּרעטאַ[ציע] פֿון גינצבורגן.

[...]-ski.

קלאַנג־קינאָ
CAPITOL
זאַוואַדזקאַ 16

היינט גרויסע פּרעמיערע!
„מעלאָדיע פֿון אַ גרויסער שטאָדט"
גרויסער מוזיקאַלישער פֿילם. — אין די הויפּט־ראָלען: —
Elonor PAWELL, Robert TAYLOR
אויסער'ן פּראָגראַם: קלאַנג־צוגאָבען ווי אויך [...]
אָנהויב אין געוו. טעג 4 נ"מ, שבת און זונטאָג—12 [...]

היינט גרויסע פּרעמיערע [...]
[...]ער שטאָדט

!קריינע אַנאַנסע[ן]
1 זלאָטי אַנ'אַנאַנאַס ביז 15 ווערטער 1 זלאָטי

אַכטונג! דער ניי־רעמאָנט[ירטער]
ענגלישער זאַל וו אויך שטשעק[...]
מיט אַ שענעם מענער־זאַל מיט אַ נ[...]
היגיענישער כשר'ער קיך, מיט די ני[...]
געשירען און טיש־בעשטעק ווערט [...]
געגעבען אויף חתונות נאָר פֿאַר [...]
אַלע 1־טער מאַי 2. קומט און [...]
ציינט אייך!

נאַכט - לעגער! ערשטקלאַס[יגע]
מאָדערן איינגעריכטעט פֿאַר אַ 1.25
איינצעלנע צימער נאָר 1.50 זל. ביי [...]
לאָדז, קילינסקיעגאָ 44, וו. 39.

Wynajmuje pokój umeblowany z [...]pującym wejściem dla 2-ch par [...]raz z pościelą. Ceny przystępne. [...]owska 35, II brama, 1-sze piętro, [...]k. 31.

שרייבען שעהן און שנעל [...]
ים דער בעוואוסטער קאַליגראַ[...]
בערמאַן אין 15 טעג. אויך ווערט [...]
געלערענט דעם בעסטען יודישען ב[...]
15 טעג, אפֿילו דעם, וואָס קען גאַ[ר]
די עלטער שפּילט דערביי קיין [...]
נישט. די פּרייזען זענען צוגענגלי[...]
שאַנקיעוויטשאַ 9. וואהנ. 35, ליזק[...]
איינגאַנג, 3. שטאָק.

לאָדזער יוד. לאַקאַטאַר[...]
און סובלאַקאַטאָרן־פֿאַר[...]
געפֿינט זיך
אויף: פּיעטריקאַווער 31, ה. [...]
טעלעפֿאָן 264-38.
דער סעקרעטאַריאַט איז טעטיג [...]
פֿון 6 ביז 9 אָוונט. ס'ווערען גע[...]
ביטעס, ערטיילט עצות, אויסגעל[...]
סכסוכים און געפֿיהרט כל־צרכי [...]
און עקסמיסיע־פּראָצעסען.

פּרייע פּאָסטענם
אַ קוואַליפֿיצירטער שאַכטעל־מאַכער קאָן זיך פֿון זאָפֿאָרט מעלדען קילינסקיעגאָ 63, אין דער דרוקעריי פֿון דימענט.

אַ טיכטיגער אַגענט, וואָס איז בעקאַנט אין דער שטאָט, קען זיך ווענדען צו דעם מצבה־קריצער מאַניק אין לייבאָוויטש, בית־החיים, אַלעע 11.

ס'איז נויטיג אַ דינסט־מיידעל פֿון זאָפֿאָרט אויף גליבנאַ 51, פֿראָנט, 2־טער שטאָק, וו. 6.

ראַקאַלעז
אַ שטוב פֿאַר אַ סובלאָקאַטאָר איז פֿון זאָפֿאָרט אָפּצוגעבען פּאָלודניאָווע 25, וואוינונג 32. 3384

צו פֿערדינגען אַ לעצט צימער מיט בעהייצונג און בעלייכטונג. צו ערפֿאַהרען פּולנאַצנאַ 12, וו. 39. 3382

פערשידענעם
צוליב אַבריזע איבערצוגעבען אַ גוט איינגעפֿיהרט געשעפֿט פֿון קויהלען מיט האָלץ מיט אַנ'איינגעפֿיהרטע קונדשאַפֿט. צו ערפֿאַהרען אַל. 1. מאַי 45.

Dr. med.
H. ROZANER
ספעציאַליסט פֿאַר הויט, ווענערישע און סעקסועלע קראַנקה.
Narutowicza 9
tel. 128-98
נעמט אָן פֿון 9—1
פּארמ. און פֿון 5—9

וויכטיג פֿאַר דאַמען
נאָר 2 זל. ווערען פֿאַר איבערגעמאַכט די עלטעסטע
היטען!
אויף גאַנץ ניי ווי אויך נייע היטען צו
3.50
„TOLA"
23 Zawadzka 23

שייטלען
מיט פּאַריזער שרינדן און פּאַרטיגע שייטלען
ביי קערש.
סקווערנאָווע 15

לעטשניצע
פֿאַר וועבערישע־קראַנקע מענער - שוועכע און הויט־קראַנקהייטען
פֿון דאָקטוירים ספעציאַליסטען
פּיעטריקאַווער 45
טעטיג פֿון 9 פֿריה ביז 9 אָוונט.
פֿרויען און קינדער נעמט אָן אַ פּראָווידאַקטאָ פֿון 11-1 און פֿון 5-7 אָוונט.
אַ בעראַטונג 3 זל.

וויכטיג פֿאַר ברוך־קראַנקע
(רופּטורען) זאָווי פֿון פֿערקרימונגען פֿון רוקען־ביין
(הויקערס) פּאַראַליזשען, ביין־שווינדזוכט, פּלאַטפֿיס
און פֿערשידענע אַנדערע פֿערקריפּלונגען־ליידענדע
פֿאַר פֿערשידענע אַרט רופּטורען פֿערעלטערטע און די געפֿערליכסטע ביי מענער, פֿרויען און קינדער. ספעציעלע אָרטאָפּעדישע הייל־באַנדאַזשען לויט מיין מעטאָדע היילען און בעזייטיגען ראַדיקאַל יעדען איינציגען ברוך.

ביי מאַגען און קישקע - זענקונג ספעציעלע אינדיווידועל צוגעפּאַסטע לייב־הייל־באַנדאַזשען.
פֿאַר הויקערס ספעציעלע גאָרסעטען און גלייכהאַלטערס.
געגען ביין־שווינדזוכט ספעציעלע אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען פֿון אַלע סיסטעמען.
געגען שמערצענדע פּלאַטפֿיס ספעציעלע אָרטאָפּעדישע איינלאַגען לויט גיפּס־מאָדעלען.
געגען קרומע אָדערן ספעציעלע גומי־שטרימפּ לויט מאָס.
קינסטליכע הענד און פֿיס
ספעציעלע הייל־אָרטאָפּעדישע אַנשטאַלט
ספעצ. אָרטאָפּעד

א. פּעטריקעוויטש, לאָדז
9 פּיראַמאַווישטשאַ 9, טעל. 177-09 (פֿריהער אַלגינסקע)
אַכטונג! קראַנקע מוזען זעלבסט ערשיינען.
טויזענטער דאַנקזאָגונגען קענען בעוויזען ווערען.

PIERWSZE PRYWATNE
Pogotowie Lekarskie
(די ערשטע גיכע הילף)
זשעלאַנאַ 6 (Legjonów 6) טעל. 12-333
טעטיג אהן איבעררייס בייטאָג און ביינאַכט.
גיכע ערצטליכע הילף אין אַלע ספעציאַליטעטען.

Redektor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i P. Wajntraub
Czcionkami i druk rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.